# שהחיינו

בעזהשי״ת | אויסגאבע פון UJO פאר די אויפבויער פון כלל ישראל אין וויליאמסבורג |לכבוד פסח תשע״ו



בילד ווי אידישע פליטים פון עסטרייך גייען אַראָפּ פון אַ שיף אין שאַנביי, כ"א כסליו תרצ"ט

GERMAN AND AUSTRIAN JEWISH REFUGEES IN SHANGHAI — PHOTOGRAPH; From United States Holocaust Memorial Museum - National Archives and Records Administration, College Park, Md.

## שילדערונגען פון עשוועגע

דער די.פּי. קעמפּ וואו עס האָבן זיך אויפגעהאַלטן אַ גרופּע ערליכע אידישע מיידלעך



## די פמליא של מעלה אויפ'ן שיף פון שאַנכיי תש"ז

**אנחנו האומה הגולה שה פזורה.** אחר כל מה שעבר עלינו מהצרות והתמורות אלפים מהשנים. ואין אומה בעולם נרדפת כמונו. מה רבים היו צרינו. מה עצמו נשאו ראש הקמים עלינו מנעורינו. להשמידנו לעקרנו לשרשנו. מפני השנאה שסבתה הקנאה רבת צררונו. גם לא יכלו לנו לאבדנו ולכלותינו. כל האומות הקדומות העצומות אבד זכרם בטל סברם. סר צלם. ואנו הדבקים בה' כולנו חיים היום. לא נפקד ממנו בכל תוקף גלותינו אפילו אות וניקוד אחד מתורה שבכתב וכל דברי חכמים קיימים לא יטה לארץ מנלם לא שלט בהם יד הזמן ולא כלם. מה יענה בזה פילוסוף חריף - היד המקרה עשתה אלה?

**חי נפשי כי בהתבונני בנפלאות אלה, גדלו אצלי יותר מכל ניסים ונפלאות שעשה השם יתברך לאבותינו במצרים ובמדבר ובארץ ישראל.**

וכל מה שארך הגלות יותר, נתאמת הנס יותר ונודע מעשה תקפו וגבורתו.

(ר' יעקב עמדין אין די הקדמה צו זיין סידור,
סולם בית א-ל, חווק ב')

ס'איז אונז אַ כבוד און אַ זכיה פאָרצושטעלן די אויסגאַבע 'שהחיינו', לכבוד דעם יום טוב פסח, זמן חירותינו, פאַר די אידן וואָס האָבן איבערגעלעבט די ביטערע וועלט מלחמה, און נאָך דעם חורבן האָט איר ב"ה צוריק אויפגעבויעט און איבערגעפלאַנצט דעם כלל ישראל אין אַמעריקע. איר זענט די אויפבויער פון די היינטיגע אידישקייט - אין זכות פון אייער מסירות נפש, גייען ב"ה אַלע ווייטערדיגע דורות אויפ'ן ערליכן, אויסגעטרעטענעם וועג.

*

מיר ווילן איבערטייטשן אַ מורא'דיגער שטיקל וואָס ר' יעקב עמדין זצ"ל שרייבט אין די הקדמה פון זיין סידור, וואָס מיר האָבן צוגעברענגט אויבען:

"אונז, די גרויסע פאָלק, די פאַרשפּרייטע שאָף, נאָך אַלעס וואָס איז אַריבער אויף אונז פון די צרות און די אויפטוישונגען טויזנטער יאָרן, און קיין איין פאָלק ווערט נישט נאָכגעיאָגט אַזוי ווי אונז. ווי פיל זענען געווען אונזערע פיינט, ווי סאַך האָבן זיי זיך געשטאַרקט און געהויבן די קעפּ די וואָס שטייען אויף קעגן אונז נאָך פון אונזערע אינגע יאָרן, אונז צו פאַרטיליגן, אויסרייסן און אויסוואָרצלען, וועגן פיינטשאַפט וואָס האָט געברענגט די קנאה האָבן זיי אונז גאָר אַסאַך פאַרפיינטעט, אָבער זיי האָבן אונז נישט געקענט בייקומען אונז פאַרלענדן און פאַרטיליגן. אַלע פריערדיגע שטאַרקע פעלקער זענען פאַרלוירן געוואָרן זייער אָנדענק און ס'איז בטל געוואָרן זייער האָפענונג, זייער שאָטן איז אָפּגעטאָן געוואָרן, און אונז, וואָס מיר זענען באַהאָפטן אין באַשעפער, לעבן מיר אַלע היינט."

"ס'איז נישט פאַרפעלט געוואָרן, אין דעם גאַנצן שטאַרקקייט פון אונזער גלות, אפילו קיין אות און איין פּינטל פון די תורה שבכתב, און אַלע רייד פון די חכמים האַלטן אָן, ס'איז גאָרנישט געפאַלן פון זיי צו דער ערד, ס'האָט נישט געוועלטיגט אין זיי דער האַנט פון די צייט און עס האָט זיי נישט פאַרלענדט. וואָס ענטפערן דערויף דער שאַרפער פילאָזאָף - האָט דען דער האַנט פון צופעליקייט דאָס אַלעס געמאַכט?

איך שווער אין מיין זעל אַז ווען איך פאַרטראַכט מיך אין די וואונדער, זענען זיי גרעסער ביי מיר פון אַלע נסים און וואונדער וואָס השם יתברך האָט געטאָן צו אונזערע עלטערן אין מצרים און אין מדבר און אין ארץ ישראל."

"און וואָס מער עס פאַרלענגערט זיך דער גלות, ווערט נאָך מער

# שהחיינו וקימנו והגיענו

אמת דער נס און עס ווערט באַוויסט זיין מעכטיקייט און שטאַרקקייט."

*

ר' יעקב עמדין זצ"ל זאָגט אַ געוואַלדיגער דערהער - גרעסער פון אַלע פיזישע נסים, איז דער רוחניות'דיגער נס פון נצח ישראל לא ישקר, אַז כלל ישראל האַלט זיך נאָך אַזויפיל ביטערע צרות און השמדיות.

**שהחיינו:** איר - קריג איבערלעבער, האָבן ב"ה איבערגעלעבט נאָכ'ן דורכמאַכן דעם כוס התערלה פון די ביטערע וועלט מלחמה, ווען ס'האָט אויסגעזען ווי ס'קומט חלילה אַן עק צו כלל ישראל, צו די ערליכע אידישקייט.

**וקיימנו:** איר זענט דער תקפו של נס - אַז איר האָט אייך געהאַלטן. איר האָט צוריקאויפגעבויעט כלל ישראל, זייענדיג אַליין, עלנד פון די משפחה, אָן קיין הילף.

ס'איז געווען עולם שמם - נאָך די ביטערע מלחמה האָט אויסגעזען ווי ס'איז עק וועלט, אָבער איר האָט אויסגעשריגן ה' הוא אלקים. מ'האָט אָפּגעשיקט אייערע משפחות אויף לינקס, אָבער איר האָט אויסגעוועלט אין רעכטס. איר האָט מקיים געווען הדר קבלוה אין די שווערסטע צייטן.

לכתך אחרך במדבר בארץ לא זרועה - ס'איז נישט געווען קיין היים, קיין קהלות, קיין מוסדות, אָבער איר זענט נאָכגעגאַנגען השי"ת און צוריק אויפגעבויעט פונדאָסניי, צוריק מייסד געווען דעם ערליכן אידענטום, צוריק אויפגעפרישט די מסורת אבות.

**והגיענו:** אַדאַנק אייך האָבן מיר אַלע דערגרייכט דעם היינטיגן טאָג און אַזוי פיל הונדערטער טויזנטער אידן פּראַווען אַ סדר תשע"ו. בזכותכם אנו חיים וקיימים: די ווייטערדיגע דורות זענען ערליך, אין אייער זכות. איר האָט פאַרקערפּערט דעם געוואַלדיגן נס פון לא תשכח מפי זרעו.

ווען ס'קומט דער יום טוב פסח, ווען מ'דאַרף לויבן השי"ת אויף זיינע נסים, איז דער צייט זיך מתבונן צו זיין אין אָט דעם גרעסטן נס וואָס איז פאָרגעקומען נאָך די מלחמה און וואָס גייט אָן ביז'ן היינטיגן טאָג. זיבציג יאָר שפּעטער איז דאָ ב"ה אַזאַ ריזיגער כלל ישראל, עס דרייען זיך רבוא רבבין - צענדליגער טויזנטער - אידן יראים ושלמים קע"ה אין וויליאַמסבורג, הונדערטער טויזנטער ערליכע אידן איבער די וועלט, דאָס איז דער גרעסטער מופת.

*

אין די פאָלגנדע בלעטער וועט איר טרעפן שילדערן אַ קליין פּינטל ווי אַזוי דער נס איז צושטאַנד געקומען - ווי אַזוי דורכאויס און נאָכמער נאָך דעם ביטערן קריג האָבן אַ גרופּע אידישע מיידלעך זיך געהאַלטן צוזאַם און אָפּגעזונדערט בשם לשון ומלבוש, אַז ס'איז געקומען צו אַ מצב וראו כל עמי הארץ כי שם ה' נקרא ממך - מ'האָט געוויסט אַז אָט די אידן זענען גרייט אויף מסירות נפש צו בלייבן מצויינים, אָפּגעזונדערט פון די וועלט, און די אַמעריקאַנער מיליטער-לייט האָבן געשפּורט די גרעסטע זכיה זיי צו העלפן; איר וועט באַקומען אַ שטיקל באַגריף פון די סדרים פון אידישע קינדער נאָכ'ן זיין פאַרוואָגעלט און פאַרפלאָגט, ווי אַזוי זיי האָבן געלויבט און געדאַנקט השי"ת אויף זיינע נסים.

ס'איז אונז - די יו.דזשעי.אָ. - אַ זכיה צו באַדינען און סערווירן אָט די העלדן פון כלל ישראל. אין די פאָלגנדע בלעטער וועט איר טאַקע אויך טרעפן אַרטיקלען און אָנווייזונגען איבער וויכטיגע סערוויסעס און פּראָגראַמען וואָס קען אייך צונוץ קומען. מיר קוקן אַרויס אייך ווייטער צו סערווירן בעז"ה און אַרויסהעלפן מיט וואָס נאָר מעגליך.

מיר בעטן השי"ת אשר גאלנו וגאל את אבותינו והגיענו הלילה הזה לאכול בו מצה ומרור, כן ה' אלקינו ואלקי אבותינו יגיענו למועדים ולרגלים אחרים הבאים לקראתינו לשלום שמחים בבניין עירך וששים בעבודתך, ונאכל שם מן הזבחים ומן הפסחים וכו' - איר זאָלט אַלע זוכה זיין עוד ינובון בשיבה דשנים ורעננים יהיו, מיט אונז אַלע בקרוב צוזאַמען קעגן צו גיין משיח צדקינו במהרה בימינו אמן - כן יהי רצון.

אַ כשר'ן פריילכן פסח,

**הק' משה דוד ניעדערמאַן,**

בשם ההנהלה



## פּאַציפישער אָקען,
### ליל התקדש החג תש"ז

ס'איז שוין צוויי וואָכן וואָס דער שיף רייזט אויפ'ן פּאַציפישן אָקעאַן. אַלע רייזער זענען פאַרמאַטערט פונעם לאַנגן וועג, זיי דרייען זיך ווי שאָטענס, און קענען קוים וואַרטן אָנצוקומען צו יבשה. זיי לעכצן צו ענדיגן דעם שווערן וועג, און ענדליך אָנקומען צו אַ פּערמענאַנט וואוינאָרט אָנצוהייבן אַ נייעם לעבן.

פלוצים הערט די שיף מאַנשאַפט אַ גערויש - ס'איז טיף אין דער נאַכט, אַלעס שלאָפט, אָבער פון איין ווינקל זינגט מען, מ'פּראַוועט. ס'גלויבט זיך זיי נישט די אויגן - אָט אין טיפענישן פונעם ים זיצט די קאָהן פאַמיליע, דער פאָטער ר' עקיבא אליעזר ע"ה, די מאַמע מרת פעסע ע"ה, און די צוויי קינדער, די נייצן יעריגע יהודית און איר צוואָנציג יעריגער ברודער - אַ פאַמיליע וואָס וואַנדערט שוין אַכט יאָר נע ונד - און זיצן ווי די גליקליכסטע מענטשן אין די וועלט, זינגן און פרייען זיך... אַלע ביישויער בלייבן שטיין צוגעשמידט און פאַרגאַפט, נישט פאַרשטייענדיג דעם באַדייט - פון וואו נעמט זיך די ענערגיע, דער פריילעכער גייסט, די אויפגעלייגטקייט, דער אויפגעהייטערטער מוט? לשמחה מה זו עושה?

ווי דער זוהר הקדוש - וואָס מיר זאָגן יעדן סדר נאַכט אַנטפּלעקט אונז - איז מיט זיי געשטאַנען נאָך אַ גרופּע וואָס איז געווען אומזעבאַר פאַר די פליישיגע אויגן. דער הייליגער באַשעפער האָט אַראָפּגעשיקט די פמליא של מעלה מיטצוהאַלטן ווי זיינע קינדערלעך פאַרגעסן פון אַלעם, און לויבן אים פאַר זיינע נסים. אָט די העכערע, הימלישע גרופּע, שטייט אויך פאַרגאַפט פון די כוחות הנפש, די אומבויגזאַמע אמונה פשוטה פון די אידישע קינדער, נאָכדערצו אין אַזעלכע שווערע מצבים, דאַנקן זיי השי"ת פאַר זיינע נסים פון יציאת מצרים און אַלע נסים במשך אַלע דורות.

*

עטליכע וואָכן בעפאָר פסח, איז דער שרייבער פון די שורות געווען אויף אַ באַזוך אין די KHEC - די קליינמאַן האָלאָקאָוסט עדיוקעישאָן צענטער - אין ברוקלין, וועלכע איז די אינציאטיווע פון הרבני הנגיד ר' אליי' קליינמאן ני"ו, וואָס גיט זיך אָפּ צו זאַמלען די היסטאָריע פון די מסירת נפש פון ערליכע אידן במשך די קריג, און ווי אַזוי כלל ישראל האָט זיך צוריק אויפגעבויעט נאָך דעם ביטערן חורבן.

אונזער אויג איז געפאַלן אויף אַן איינפאַכע הגדה פון קוים עטליכע צענדליגער בלעטער, וואָס דער דעקל זאָגט אַז עס איז געדרוקט געוואָרן פאַר אַמעריקאַנער אידישע מיליטער-לייט דורכאויס די קריג. מיר האָבן כמעט איבערגעהיפּט די הגדה'לע, אָבער אַריבערמישנדיג דאָס בלעטל האָבן איינפאַכע ווערטער, געשריבן אין ענגליש, אונז געעפנט די אויגן צו דעם באַדייט פון די הגדה - און ביי וועלכן געהויבענעם סדר דאָס איז גענוצט


הַגָּדָה שֶׁל פֶּסַח
THE HAGGADAH
OF
PASSOVER
FOR MEMBERS OF THE ARMED FORCES
OF THE UNITED STATES
NEW YORK
NATIONAL JEWISH WELFARE BOARD
5705-1945

די הגדה וואָס איז געגעבן געוואָרן פאַר אַמעריקאַנער מיליטער-לייט במשך די קריג.




אינעווייניג איז אַריינגעשריבן אַז עס איז גענוצט געוואָרן ביים סדר אויפ'ן וועג פון שאַנכאַי צו די פאַראייניגטע שטאַטן, פסח תש"ז.

# די פמליא של מעלה
# אויפ'ן שיף פון שאַנכיי תש"ז

דהא איהו בר נש דחדי במאריה, וקב"ה חדי בההוא סיפור, ביה שעתא כניש קב"ה לכל פמליא דיליה ואמר לון זילו ושמעו סיפורא דשבחא דילי דקא משתעו בני וחדאן בפורקני, כדין כולהו מתכנשין וכו', ואודאן ליה על עמא קדישא דאית ליה בארעא, דחדאן בחדוא דפורקנא דמאריהון וכו'. (זוהר הק' פרשת בא, פיקודא בתר דא).

דער מענטש וואס פרייט זיך מיט זיין האַר, און דער אייבירשטער פרייט זיך מיט די דערציילונג (פון די ניסים), אין יענער צייט נעמט דער אייבירשטער צוזאַם זיין גאַנצע פמליא און זאָגט זיי גייט הערט אויס די דערציילונג פון מיין לויב וואָס עס זאָגן מיינע קינדער, דעמאָלט נעמען זיי זיך אַלע צוזאם..., און זיי לויבן דעם אייבירשטער אויף דעם הייליג פאָלק וואָס ער האָט אויף די ערד, וואָס זיי פרייען זיך מיט די פרייד פון די אויסלייזונג פון זייער האַר...

(זוהר הקדוש וואָס מ'זאָגט בעפאָר'ן סדר - פיקודא בתר דא)

געוואָרן, און דער באַדייט פון די סדרים וואָס אידן האָבן געפּראַוועט אין יענע יאָרן.

דער אויפשריפט אויפ'ן אינעווייניגסטן זייט פונעם דעקל האָט געלויטעט: "אין אָנדענק פון די פאַזאַמעלטע פסח - סדר, אויפ'ן וועג פון שאַנכאי צו די פאַראייניגטע שטאַטן אויפ'ן עס.עס. מאַרין לינקס, אַפּריל 4, 1947."

מיר האָבן געכאַפּט אַ שמועס מיט'ן מוזעאום היסטאָריקער און אַרכיוויסט, ר' דוד ריידעל הי"ו, איבער ווער ס'איז געווען דער אייגענטומער פון די הגדה, און דאָס האָט אונז געגעבן אַ טיפערן באַגריף אינעם באַדייט פון די סדרים אין די יאָרן נאָך די קריג.

מיר וועלן כאַפּן אַ שנעלן איבערבליק אויפ'ן לעבן פון די מסובין ביי יענעם סדר, תש"ז, אינמיטן דעם רוישיגן פּאַציפיק.

## בערלין, תרצ"ח

דאָס מיידל יהודית קאָהנ'ס זאָרגלאָזע קינדערישע יאָרן אין בערלין - וואו זי איז געבוירן צו אַ פאַרמעגליכע פאַמיליע, וועלכע האָט געהאַט אַ גוט-גייענדע היטן-פאַבריק - איז גאָר פרי געקומען צו אַן ענדע.

די נירענבערגער געזעצן קעגן אידן האָט מען נאָך פּרובירט צו איגנאָרירן און אַראָפּשלינגען און האָפן אַז מ'וועט עס דורכמאַכן, האָט זי אָבער אין עלטער פון ניין יאָר שוין מיטגעלעבט אַ קריסטאַלנאַכט, און צוגעזען מיט אירע אויגען די חורבנות און רציחות, וועלכע האָבן אַריינגעפירט איר און די גאַנצע משפחה אין אַ ביטערן פּאַניק און אַנגסט.

זי האָט צוגעזען ווי איר טאַטע, ר' עקיבא עזריאל (קאַרל) ע"ה, האָט זיך איינגעשטעלט דאָס לעבן נאָך קריסטאַל נאַכט, ווען די גאַסן האָבן נאָך גערייכערט פון די אונטערצינדונגען, און אַרויסגעראַטעוועט דעם ספר תורה פון די עדת ישראל שול וואו ער האָט געהערט. ער האָט אָנגעטאָן דעם ספר תורה מיט אַ הוט און אַ מאַנטל, און אַזוי אַרום באַוויזן אונטערצוקויפן אַ טעקסי אַהיימצוטראָגן אים מיט דעם ספר תורה, פאַרשטעלנדיג עס ווי נאָך אַ פּאַסאַזשיר.




**יהודית קאהנ'ס פּאַספּאָרט, ערהאַלטן אין שבט תרצ"ט.** עס האָט אַ גרויסער, רויטער J, וואָס איז אַרויפגעזיגעלט געוואָרן ביי יעדן איד. זי האָט אויך באַקומען דעם נאָמען 'שרה', וואָס די דייטשן האָבן צוגעלייגט אויף די שריפטן פון יעדע אידישע פרוי.




דער דזשאָסעף קאָהן ענד קא. היט פאַבריק אין בערלין, ווען עס האָט אָפּגעצייכנט דרייסיג יאָר, אין יאָר תרפ"ז.

נאָך קריסטאַלנאַכט, האָט יהודית זיך צוריקגעקערט פאַר איין טאָג אין איר שולע, בלויז צו צוזען ווי די געסטאַפּאָ איז איבערגעפאַלן און אַרעסטירט די לערערס און לערערינס. מער האָט זי זיך אין שולע נישט צוריקגעקערט, נאָר מ'האָט געזוכט אַ וועג אַרויס פון דעם פאַרשאָלטענעם לאַנד.

נאָך לאַנגע באַמיאונגען, איז געלונגען פאַר אירע עלטערן צו ערלעדיגן פּאַספּאָרטן פאַר די גאַנצע משפחה צו פאַרלאָזן דייטשלאַנד.

ז' ניסן תרצ"ט, אַ וואָך בעפאָר פסח, האָבן זיי באַוויזן אָפּצורייזן מיט אַ באַן קיין גענאָאַ, איטאַליע, אָן וויסן וואו זיי וועלן עווענטועל לאַנדען. צוויי טעג שפּעטער זענען זיי אַרויף אויף אַ שיף, מיט וועלכע זיי זענען געפאָרן כמעט אַ פולן חודש, אַנקערנדיג אין אַ רייע אייראָפּעאישע, מעדיטעראַנישע און אַזיאַנער לענדער, זוכנדיג א מקום מנוחה, ביז מ'האָט זיי אַראָפּגעלאָזט אין שאַנכאַי.

## שאַנכאַי, אייר תרצ"ט

אָנקומענדיג קיין שאַנכאַי נאָך בעפאָר די גרעסערע כוואַליעס פליטי חרב, האָבן די קאָהנס זיך באַזעצט אין האָנגקו, וואָס האָט געהייסן די בעסערע געגנט ווי די ספרד'ישע אַלט-געזעסענע ביזנעסלייט האָבן געוואוינט. אָבער אויך דאָרט האָט מען געליטן פון הונגער און קרענק.

יהודית האָט אָריגינעל זיך איינגעשריבן אין די כדורי שולע, וואָס איז אויפגעשטעלט געוואָרן דורך אַ רייכן ספר'דישן מאַגנאַט פון באַגדאַד. יענעם זומער איז פאָרגעקומען אַ פייערליכן הכנסת ספר תורה, וואו דער ספר תורה וואָס איר פאָטער האָט מיטגעברענגט מיט זיך איז אַריינגעגעבן געוואָרן אין ספרד'ישע בית אהרן שול.

ווען איר מאַמע פעסל ע"ה האָט געהערט אַז עס עפנט זיך אַ בית יעקב שולע אין שאַנכאַי, איז זי געגאַנגען הערן אַ פאָרטראַג פון די גרינדערינס, און טראָץ וואָס זי האָט קנאַפּ פאַרשטאַנען די ליטווישע אידיש, איז זי איבערגענומען געוואָרן פון די וואַרימקייט און הארץ פון די מייסדות. אינמיטן ווינטער תש"ב איז יהודית געוואָרן אַ בית יעקב תלמידה. דאָרט האָט זי באַקומען אַ וואַרימען אידישן חינוך און אַ פלאַם צו חסיד'ישע און תורה'דיגע אידישקייט. דער טאַטע האָט וועווענטועל געליגן זיין ספר תורה פאַר די מירער ישיבה, און באַקומען דערויף אַ שטר אונטערגעשריבן פון הרה"ג ר' חיים שמולעוויטש זצ"ל.

דאָס ביסל סטאַביליטעט האָט אָבער נישט אָנגעהאַלטן פאַר צו לאַנג. תש"ג האָבן די יאַפּאַנעזער אַריינגעשיקט אַלע אימיגראַנטן וואָס זענען אָנגעקומען נאָך 1937 אין אַ געטאָ, וויניגער ווי אַ פערטל מייל אין שטח, אין איינע פון די אָרימסטע געגנטן אין שטאָט. די פאַמיליע האָט זיך געטראָפן אין גאָר אַן ענגע דירה. יהודית האָט זיך אָבער געפרייט אַז זי האָט זיך געפינען נענטער צו אירע לערערינס און שולע.

די ביטערע קריג אין אייראָפּע האָט זיך געענדיגט נאָך פסח תש"ה, אָבער אויפ'ן אַזיאַנער פראָנט האָט די מלחמה אָנגעהאַלטן לענגער, און די שאַנכאַיער געטאָ האָט אויך געליטן פון באָמבאַדירונגען. איין באָמבע, תשעה באב תש"ה, האָט איבערגעלאָזט 30 פליטים טויט ר"ל.

כ"ה אלול איז דער שאַנכאַיער געטאָ אָפיציעל באַפרייט געוואָרן. די אידן זענען דאַן ערשט געוואויר געוואָרן דעם פאַרנעם פון די חורבנות אין אייראָפּע, און אַז זיי זענען געבליבן ממש עלנד, פאַרלירנדיג זייערע גאַנצע משפחות על מוקד האש.


RABBINICAL COLLEGE
"MIRRER YESHIVAH"
Organized 1817.
בית אולפנא רבתא
"ישיבת מיר"

▲ הגאון ר' חיים שמולעוויטש זצ"ל שרייבט אונטער אַז מען האָט געבאָרגט דעם ספר תורה פון קאַרל קאָהן צו נוצן אין ישיבה, און אַז זיי וועלן פאַררעכטן סיי וועלכע פעלער, און מ'וועט אים עס צוריקגעבן ווען ער וועט עס בעטן.

איינזעענדיג אַז מ'קען נישט צוריק אַהיימגיין, האָבן די פליטים אָנגעהויבן צו זוכן וואו זיך צו באַזעצן און אָנהייבן אַ לעבן פונדאָסני. די קאָהנס, אַזוי ווי פילע אַנדערע פליטים, האָבן געוואָלט קומען צו די פאַראייניגטע שטאַטן, אָבער האָבן געהאַט שוועריקייטן צו ערלעדיגן די שריפטן. הרב ברוך קאַפּלאַן און זיין רעביצין זכרונם לברכה - גרינדער פון בית יעקב אין וויליאַמסבורג, אויף סאַוט 8 סטריט - האָבן איר געגעבן אַ בריוו אַז זיי ווילן איר אויפנעמען אַלס מחנכת, אָבער עס איז אַנטזאָגט געוואָרן דורך די אַמעריקאַנער אימיגראַציע באַאַמטע. אַזוי אַרום, בעת פילע פון אירע פריינט האָבן פאַרלאָזט שאַנכאַי, איז די משפחה אַראָפּגעבליבן. יהודית איז דאַן אויפגענומען געוואָרן אַלס מחנכת אין בית יעקב, צוזאַמהאַלטנדיג און לערנענדיג מיט די פאַרבליבענע בית יעקב מיידלעך.

## יו.עס.ען.עס. לינקס מאַרין,
### פסח תש"ז

תש"ז האָבן די קאָהנס ענדליך באַקומען שריפטן צו קומען צו די פאַראייניגטע שטאַטן. כ"ח אדר איז די פאַמיליע אויפגעשטיגן אויף די יו.עס.ען.עס. מאַרין לינקס שיף וואָס האָט אָפּגערייזט פון שאַנכאַי, און זענען אָנגעקומען דעם ערשטן טאָג חול המועד פסח קיין סאַן פראַנציסקא, און האָבן זיך באַזעצט אין לאָס אַנדזשעלעס.


סמינריון למורות בית יעקב באמריקה ובית ספר גבוה
Beth Jacob Teachers Seminary of America
AND PAROCHIAL HIGH SCHOOL FOR GIRLS
143 South 8th Street, Brooklyn 11, N. Y.
ב"ה

May 12, 1947

Miss Judith Cohen
Uptown Hotel
San Francisco, California

Dear Miss Cohen:

It gives me great pleasure to inform you that your letter of application was examined and approved by our admission Board and that you have been accepted as a full time student in our Seminary.

Sincerely yours,

BETH JACOB TEACHERS SEMINARY OF AMERICA

B. Kaplan
Rabbi B. Kaplan, Dean

הרב ברוך קאַפּלאַן זצ"ל שיקט אַ בריוו פאַר יהודית קאָהן אַז מ'נעמט איר אָן אינעם בית יעקב סעמינאָר, אויף 143 סאַוט 8 אין וויליאַמסבורג

אסרו חג ניסן תשי"א האָט יהודית געהייראָט איר מאַן, ר' הערשן גאָלדבאַרט ז"ל, אַן אוישוויץ איבערלעבער. יהודית איז געוואָרן זייער אַקטיוו און אָרגאַניזירן ראַליס פאַר שמירת שבת אין לאָס אַנדזשעלעס, און אויך צו ראַטעווען אידן פון אַסימילאַציע אין שמד. (זיי האָבן נישט איבערגעלאָזט קיין דורות, אָבער די מעשים טובים און פאַרשפרייטונג פון אידישקייט מיט מסירת נפש הם הם זכרונם).

אויף די רייזע, אויפ'ן שיף פון שאַנכאי צו זייער נייעם לעבן, האָט יהודית זיך געזאָרגט צו שאַפן אַ הגדה פאַר די אידן צו קענען פראַווען אַ סדר. זי האָט זיך ערוואָרבען די הגדה פון די אַמעריקאַנער מיליטער לייט צו נוצן ביים סדר, צו דאַנקן און לויבן השי"ת פאַר יציאת מצרים, און די נסים בכל דור ודור.

*

די געשיכטע איז נישט קיין אייגנאַרטיגע - יעדער איד, במשך די ביטערע יאָרן און נאָכדעם האָט געפראַוועט אַן ענליכן סדר. אודים מוצלים מאש; אידן וואָס זענען געבליבן עלנד און פאַרוואָגעלט; יתומים מאב ואם און פון די גאַנצע משפחות וואָס זענען אומגעקומען אויפ'ן שייטער אופן; אינגע קינדער וואָס זענען דורך די ערגסטע עינויים קשים; זיי האָבן גאָרנישט פאַרמאָגט; זיי זענען געווען פליכטלינגען אָנגעוויזן אויף די חסדים פון די אַמעריקאַנער מיליטער און פעקלעך פון דער פרעמד; האָבן נישט געהאַט קיין אַנונג ווי אַזוי מ'וועט זיך צוזאַמענקלויבן און וואו מ'וועט זיך באַזעצן; זיי האָבן נאָכנישט געוויסט וואָס דער מאָרגן וועט ברענגן.

אבער ווען ס'איז געקומען דער סדר נאַכט האָט מען אַלעס פאַרגעסן - מ'האָט פאַרקערפערט דעם דמשתכחין מצערא דילהון ועסקין בחדוותא דילי. מ'האָט זיך אַראָפגעזעצט ווי בני חורין, און מקיים געווען דער בכל דור ודור חייב לראות כאילו הוא יצא ממצרים.

נעמט אַ ביישפיל נאָך אַ הגדה וואָס מיר האָבן געטראָפן אינעם קליינמאַן צענטער. אַ הגדה לפסח עם ליקוטים מתלמידי רבינו הבעש"ט זי"ע מיט דעם בריוו פון ר' שמשון מאוסטראָפאַליע זי"ע, געדרוקט אין די פאַרענוואַלד די.פי. לאַגער תש"ו, נאָכנישט קיין גאַנצער יאָר פון די באַפרייאונג.

איינער וואָס האָט עס נישט מיטגעלעבט נעמט עס אַרויס פון התפעלות - פליטי חרב, קוים אַרויס מיט'ן לעבן, און דאָך האָט מען זיך קאָנצענטרירט צו דרוקן הגדות מיט ליקוטים.

געלויבט דער אייבירשטער אַז טייערע אידן וואָס האָבן מיטגעהאַלטן די סדרים ווען אי"ה היי-יאָר, זיבציג יאָר שפעטער, ווייטער פראַווען סדרים און פיל בעסערע אומשטענדן, אַרומגענומען מיט די דורות וואָס מ'האָט אויפגעשטעלט נאָכ'ן ביטער'ן חורבן. אין אַזאַ צייט, איז הזמן גרמא אַביסל איבערצוגעבן פאַר די דורות ווי אַזוי מ'האָט געפאַראַוועט די סדרים אין יענע צייט. דער היינטיגער דור זאָל הערן פון אַזעלכע געהויבענע סדרים, ס'לאָזט זיך נישט גלייבן דער נחת רוח וואָס איז געווען, די שמחה וואָס קודשא בריך הוא חדי בההוא סיפור.




הגדה לפסח עם ליקוטים מתלמידי רבינו הבעש"ט זי"ע געדרוקט אין די פאַרענוואַלד די.פי. לאַגער תש"ו







די ראַליס דורך קינדער אין לאָס אַנדזשעלעס פאַר שמירת שבת, וואָס מרת קאָהן ע"ה האָט געהאָלפן אָרגאַניזירן.

## למען ידעו דורותיכם

דער קליינמאַן האָלאָקאָוסט עדיוקעישאָן צענטער זאַמעלט חפצים פון במשך די מלחמה און נאָך די קריג, צו העלפן פאַראייביגן די זכרונות פון די איבערלעבענישן און מסירת נפש פון אידן אין די אומשטענדן. סיי וועלכע איבערבלייבענישן איר האָט פון יענע יאָרן, זענען וויכטיג און וועלן העלפן דערציילן די געשיכטע וואָס די קומענדיגע דורות דאַרפן געדענקן. דאָס איז אַ מוסר השכל!

אויב האָט איר בילדער פון משפחה און פריינד; סידורים, מחזורים, חומשים א.ד.ג.; תשמישי קדושה; כתובות; מלבושים פון די לאַגערן און די.פי. קעמפס; פאַספאָרטן און אַנדערע שריפטן; שאלות ותשובות בנוגע עגונות א.ד.ג.; בריוו אויסטוישן - פאַרבינדט אייך מיט די קליינמאַן האָלאָקאָוסט עדיוקעישאָן צענטער איבער עס ביישטייערן.

איר האָט עס געהאַלטן פאַר אַזויפיל יאָרן - מאַכט זיכער אַז עס ווערט געהאַלטן פאַר נאָך לאַנגע יאָרן, למען ידעו דורותיכם וואָס מ'איז אַלץ אַריבער און ווי אַזוי כלל ישראל האָט זיך געהאַלטן און צוריק אויפגעבויעט.

**פאַר מער אינפאָרמאַציע אָדער צו באַשטימען אַן אַפּוינטמענט אַריבערצוקומען עס איבערשמועסן, רופט 917.837.1119, אָדער אי. מעילט צו mmaybruch@kfhec.org**




בילד פון עלען גאלוב אויף זיין מיליטערישן פליגער (קאליר צוגעלייגט)
Photo Credit: Golub Family

בעקגראונד - ארטיקל אין נ.י. טיימס

דאָקומענטאַריע אינטערוויוס

# שילדערונגען פון עשוועגע

**דער די.פּי. קעמפ וואו עס האָבן זיך אויפגעהאַלטן אַ גרופע ערליכע אידישע מיידלעך, וואָס גרויסער טייל פון זיי האָבן זיך באַזעצט אין וויליאַמסבורג**

אויסצוג פון אינטערוויו פון מרת **שרי גרונצווייג** לאויש"ט, די 13 יעריגע 'עשוועגע שניידערין'

בריוו פון אַמעריקאַנער אידישער מיליטערישער גאָווערנאָר, **קאַרל גאָלדשמידט**, וואָס שילדערט ווי אַזוי די מיידלעך זענען אָפּגעהיטן געוואָרן | אינטערוויו: מיט **קאַרל גאָלדשמידט'ס טאָכטער**

בריוו פון **מרת מאַרקאָוויטש** איינע פון די איבערלעבער, וואָס שילדערט דעם לאַגער

מלחמה איבערלעבער פון 'עשוועגע' האָבן געהאַט רירנדער באַגעגעניש מיט אידישער אַמעריקאַנער פּילאָט, **עלען גאָלוב**, אין פּתח תקוה אָנהייב ווינטער

**'שהחיינו' ברענגט אינטערעסאַנטע פרישע אינפאָרמאַציע איבער די אינטערעסאַנטע איבערלעבעניש פון די גרופּע** <<<

# פּאָרוואָרט

וויליאַמסבורג - דעם אָנהייב ווינטער איז פאָרגעקומען גאָר אַ רירנדע 'רי-יוניאָן' - ווידער-פאַראייניגונג - אין דעם באַרימטן מוסד 'פתח תקוה' אין וויליאַמסבורג - וועלכע איז געגרינדעט געווארן מיט 33 יאר צוריק דורך דעם לעגענדארן עסקן לטובת הכלל הרה"ח מו"ה חיים משה שטויבער שליט"א - אברהם (עלען) גאָלוב לאורך ימים ושנים, אַן אַמעריקאַנער אידישער פּילאָט אין די צווייטע וועלט קריג, האָט נאָך זיבציג יאָר שפּעטער זיך געטראָפן מיט קריג איבערלעבערינס וועלכע ער האָט געהאָלפן צוריק אויפשטעלן זייער לעבן נאָך די צווייטע וועלט מלחמה.

מר. גאָלוב און זיין פאַמיליע זענען געווען איבערגענומען צו זען ווי פון די 34 מיידלעך אין 'עשוועגע' וועלכע ער האָט געהאָלפן מיט שפּייז און קליידלעך, איז ב"ה זיבציג יאָר שפּעטער אַרויסגעוואַקסן ריזיגע דורות קע"ה - און ער האָט פערזענליך זיך באַגעגנט מיט איבער הונדערט פון זייערע קינדער, אייניקלעך און אור-אייניקלעך וועלכע האָבן אים אויסגעדרוקט דאַנקבאַרשפט פאַר העלפן זייערע עלטערן און אור-עלטערן אָנהייבן צוריק אויפצובויען זייערע לעבנס נאָך די קריג, און אַדאַנק זיין הילף האָבן זיי ב"ה אַוועקגעשטעלט אַזעלכע הערליכע אידישע דורות.

ביי די באַגעגעניש זענען אויפגעטרעטן דר. יצחק שינדלער, דער איבערגעבענער עקזעקוטיוו דירעקטאָר פון פתח תקוה, דר. זלמן קאָצען וועלכער פירט אָן די 'פתח תקוה' פּראָגראַם פאַר קריג איבערלעבער, און הרה"ח ר' משה דוד ניעדערמאַן הי"ו, טשערמאַן פון פתח תקוה באָורד און יו.דזשעי.אַ. פּרעזידענט. די 'רי-יוניאָן' האָט אויך געצויגן אַ לענגערן אַרטיקל אין די ניו יאָרק טיימס, אונטער'ן קעפּל, "אַ פּילאָט און קריג איבערלעבער, צוגעבינדן דורך קריג'ס סחורה, ווערן צוריק פאַראייניגט אין וויליאַמסבורג."

די געשיכטע פון 'עשוועגע' איז זייער אינטערעסאַנט און אייגנאַרטיג פון פאַרשידענע אַספּעקטן - אַריינגערעכנט דער פאַקט אַז אַ גרופּע אינגע מיידלעך האָבן זיך געהאַלטן אינאיינעם אַזוי ערליך זאָפאָרט נאָך די קריג, און אַז די וואָס מ'האָט באַוויזן נאָכצוגיין וואו זיי געפינען זיך, האָבן הויפּטזעכליך אויפגעשטעלט ערליכע אָרטאָדאָקסישע אידישע שטיבער, און אַרום העלפט פון זיי האָבן זיך באַזעצט אין די חרד'ישע צענטערן אין ניו יאָרק - רוב פון זיין אין וויליאַמסבורג, און די אַנדערע אין באָראָ פּאַרק, פלעטבוש, קאַנאַרסי, און אין קרית יואל. עס ווייזט ב"ה אַז נצח ישראל לא ישקר - מיידלעך אַליין נאָכ'ן קריג האָבן באַוויזן זיך צו האַלטן ביי די אמונה אַזוי פעסט, און צוריקאויפשטעלן דעם כלל ישראל.

דער שרייבער פון דעם אַרטיקל האָט זיך אַרויסגעלאָזט צו הערן מער איבער דעם 'עשוועגע' לאַגער - די פאָרשונגען האָט אונז געפירט צו גערי סאַליוואַן, אַן איידעם פון מר. גאָלוב; די ניו יאָרק טיימס שרייבערין עוואַ קאַהן וועלכע האָט זיך אַריינגעלייגט נאָכצופאָרשן די געשיכטע און האָט געהאָלפן צושטאַנד ברענגען די רי-יוניאָן אין וויליאַמסבורג; דזשאָוען שימקע און מס. פערל גלאַק וועלכע אַרבעטן אויף אַ דאָקומענטאַרישע פשרעזענטאַציע איבער 'עשוועגע'; און צו לאָורי גאָלדשמידט-הייטנער, וואָס איר טאַטע, קאַרל גאָלדשמידט-הייטנער ע"ה, איז געוואָרן באַשטימט אַלס מיליטערישער גאָווערנאָר פון 'עשוועגע' און האָט געהאָלפן די מיידלעך זיך האַלטן צוזאַמען און ערליך; ווי אויך ציטירן מיר טיילן פון אַן אינטערוויו וואָס די אַמעריקאַנער האָלאָקאָסט מוזעאום האָט דעם ווינטער דורכגעפירט מיט אונזער חשוב'ע וויליאמסבורגער איינוואוינער מרת שרה גרונצוויג תחי', וואָס ווערט געדרוקט צום ערשטן מאָל.

## פּאָלגענד זענען די אינטערעסאַנטע אויפדעקונגען איבער 'עשוועגע':



A Pilot and Holocaust Survivors, Bound by War's Fabric

A Reunion of Women Who Fled Nazis, and the Man Who Helped Them Make Dresses

By EVE M. KAHN

You never know when a pistol pointed in wartime will lead to hours of emotional blessings in Brooklyn 70 years later.

Sometime in April 1945, Alan Golub aimed his gun at a shopkeeper in Eschwege, in central Germany. He was serving as a pilot with American forces that had liberated the Buchenwald concentration camp. He had just met three dozen young Hungarian Jewish women, newly escaped from slave labor making Nazi weapons. They were hiding in a school in Eschwege, shivering and dressed in rags. He wanted to buy them fabric to make clothes, but the shopkeeper had refused him, saying there were rationing rules that she had to follow.

"I have to have it," he told her. When she saw his gun, "she changed her mind," Mr. Golub, 91, recalled last month.

He owns a copy of a 1945 photograph of the Hungarian women, wearing nearly identical dresses stitched from the bolt of dark flowered cloth that he bought at gunpoint. After the war they wondered what happened to the kind American soldier — their nickname for him was Güb Güb — and he wondered what happened to them. Last month, he and three of the women had a tearful reunion, the result of emails flying for months between the outskirts of Boston, where Mr. Golub lives, and Budapest, Germany, Israel, Manhattan and Washington.

The Pesach Tikvah social service agency in Williamsburg, Brooklyn, hosted the reunion on Oct. 26 for the three Eschwege survivors and a hundred relatives and friends, mostly members of the Hasidic community. The women, Sari Gruenzweig, Esther Epstein and Lea Singer, sat beaming beside Mr. Golub for hours, as the crowd called out grateful words in English, Hebrew and Yiddish.

The families told Mr. Golub about children, grandchildren and great-grandchildren, and someone in the throng held up a baby, a great-great-grandchild of a survivor who had worn the fabric he had procured. He remembered how he had also brought food and coal to the marooned women in Eschwege. They had been enslaved in a satellite camp of Buchenwald and sent on death marches. They had seen countless children and old people from their Hungarian villages taken away.

Mr. Golub had been the first person to restore some of their dignity after a year in torment.

"I sewed 16 dresses; the 17th dress was mine," Mrs. Gruenzweig told the crowd at Pesach Tikvah, explaining how she had made good use of the flowered print for her friends in that chilly school. She had scrounged up thread from old clothes scraps. Her husband, Martin Gruenzweig, sat beside her as she told the story again, the scar from a Nazi bullet visible on his right hand; the bullet had been meant for his skull when he was shot into a mass grave.

His three sisters had been holed up in that same school, and when he found them again, they introduced him to their talented seamstress friend as a potential bride.

Betty Ungar, one of the Gruenzweigs' daughters, said her mother had not let wartime horrors embitter her. In their tight-knit Brooklyn community, Mrs. Ungar said, when "anybody needed help, they came running to my mother."

At Pesach Tikvah, everyone passed around copies of the group portrait that an Army photographer took in 1945. The women, in their dresses made from the cloth bought at gunpoint, posed at the Eschwege school with an Army chaplain, Robert S. Marcus, who had been comforting the frail survivors at Buchenwald, too. Mr. Golub's original copy of the photo, which he donated in 1999 to Yad Vashem, Israel's Holocaust memorial, is inscribed on the back with the women's names and a thank-you note to Mr. Golub.

The crowd took photos of Mr. Golub and the survivors holding up copies of the group portrait. People admired the varied collars, sleeves, buttons and pockets on the dresses and remembered the names of ancestral Hungarian villages. Mr. Golub, a retired toy and sporting goods distributor from Canton, Mass., briefly summarized his own 70 ensuing years spent raising five children with his wife, Dorothy. In the crowd, taking more pictures and answering and asking questions, was the Golubs' daughter Abby Sullivan, her husband, Gary Sullivan, and their children.

There were brief speeches by Pesach Tikvah executives and the head of the board, Rabbi David Niederman. But mostly, impromptu blessings poured forth for Mr. Golub: "There isn't enough ink to write down all the good deeds that you did!" and "You saved a whole people!" and "May you live to be 120!"

Mr. Golub did not intend to be fussed over. "I'm a little embarrassed by it all, to tell you the truth," he said in a side conversation. "I don't need the honor. I'm just happy that I played a very, very small part in helping unfortunate people. I felt that it was a duty that had to be done."

A year ago, Mr. Sullivan, a prominent dealer in American antiques, had grown curious about the fates of the women in the matching dresses

אויסשניט פון די "ניו יארק טיימס" ארטיקל פון די רי-יוניאן דעם ווינטער צווישן דעם פילאט און איבערלעבער פון עשוועגע



עלען גאָלוב ביי די רי-יוניאָן דעם ווינטער - ער שטייט אינדערמיט, האַלטנדיג זיין בילד אַלס פּילאָט, אַרומגענומען מיט דר. יצחק שינדלער, עקזעקוטיוו דירעקטאָר פון פתח תקוה (אויף די לינקע זייט פון בילד), און ר' משה דוד ניעדערמאַן, טשערמאַן פון די באָורד, און דר. זלמן קאָצען, דירעקטאָר פון סערוויסעס פאַר עלטערע מענטשן און קריג איבערלעבער.

מרת גרונצווייג תחי' שילדערט:

# וועג פון אושוויץ צו די אַמוניציע פאַבריקן אין דייטשלאַנד, און צו עשוועגע

נאָך צוויי חדשים זיין אין אושוויץ, איז מרת שרה גרונצווייג הי"ו געווען צווישן טויזנט מיידלעך פונעם לאַגער וואָס מ'האָט אויסגעקליבן און זיי נאָכאַמאָל אַרויפגעשיקט אויף וואַגאָנען, דערציילט זי. מ'האָט נישט געוויסט וואו מ'פאָרט און וואָס איז דער צוועק, ציטערנדיג פאַר'ן ערגסטן. נאָך אַן אויסמאַטערנדן וועג זענען זיי אָנגעקומען קיין דייטשלאַנד, וואו מ'האָט זיי געשטעלט אַרבעטן אין אַמוניציע פאַבריקן - זיי האָבן געמאַכט באָמבעס און וואָפן.

"יעדער איז געוואָרן געל פון די פויזען (גיפט)," דערציילט מרת גרונצווייג. "אָבער דער באַשעפער האָט געהאָלפן: מ'האָט מיטגעמאַכט, אָבער מ'איז געבליבן לעבן." פון די טויזנט מענטשן זענען אַלע באַפרייעט געוואָרן.

אין די פאַבריקן האָט מען ווייטער געפערליך געהונגערט, און ביז פעברואַר איז מען געגאַנגען מיט גאָר דינע קליידונגען אין די פרעסטן. פעברואַר האָבן זיי באַקומען סוועטערס. ערגעץ אין יענע צייט האָבן די דייטשן זיי געלאָזט אויף הפקר - זיי זענען אַנטלאָפן פון די אַריינמאַרשירנדע אַליאירטע אַרמיי.

די ניי-באַפרייטע אַרעסטאַנטן האָבן זיך געטראָפן אויף הפקר צווישן די דייטשן ימ"ש. "מיר זענען געווען אין אַ וואַלד, נישט ווייט פון עשוועגע, און געוואַרט אויף משיח," דערציילט מרת גרונצווייג. אינדערצווישן האָבן זיי אויך געאַרבעט אין צוויי קליינע דערפלעך, וואו זיי האָבן געקליבן שטיינדלעך פון פעלדער.

"איך האָב נישט געהאַט קיין געשוויסטער, בין איך געווען נעבן די צעלצהיימער רעביצין ע"ה וועלכע האָט געהיטן אויף מיר," זאָגט זי. זי דערציילט אַז קענענדיג נייען, האָט זי געטראָפן עפעס באַשעפטיגונגען ביי אַ לאָקאַלן פלאַץ, און מ'האָט איר דאָרט אָנגעטראָגן צו עסן - מען האָט איר געוואָלט געבן פלייש. אַ אינג מיידל, אויסגעהונגערט נאָך אַזוי פיל יאָר, האָט עס אָבער פעסטערהייט אַנטזאָגט. זי האָט געזאָגט אַז זי איז שוין אָנגעגעסן אין פול פון די נישט-טריפה'נע עסנס וואָס זיי האָבן איר פריער סערווירט, אַזוי ארום האט זיך אנטזאגט צו עסן טריפות. מי כעמך ישראל!

אַזוי האָבן זיי זיך אויפגעהאַלטן אין אַ וואַלד, און דערנאָך אין אַ שטאַל.

## "קינדערלעך, איך בין אויך אַ איד"

אין 'עשוועגע', דערציילט מרת גרונצווייג, איז אָנגעקומען אַ רעגימענט פון אַמעריקאַנער סאָלדאַטן.

די זעלנער האָבן שוין געוויסט אַז די פרויען זענען זייער אָפּגעהיטן און ערליך. דורכאויס די צייט אויף דער פריי, האָבן זיי זיך געהיטן אַוועקצושטיין פון די דייטשן. דער אַמעריקאַנער מיליטערישער גאָווערנאָר קאַרל גאָלדשמידט שידערלט אין אַ בוך אַז די אַמעריקאַנער האָבן שוין געהערט אַז זיי וואָלטן "ענדערש באַגאַנגען זעלבסט-מאָרד," אַנשטאָט צו ווערן אויסגעמישט מיט נישט-אידן אין די געגנט.

די סאָלדאַטן - פון די ערשטע זיי צו טרעפן איז געווען אברהם גלאָבאָנטשיק, וועלכער איז שוין דאַן גערופן געוואָרן עלען גאָלוב - זענען זיי געגאַנגען באַזוכן.

איינע פון די פרויען, וועלכע האָט געקענט עטוואָס ענגליש, האָט פרובירט פאָרצושטעלן די גרופע פאַר די אַמעריקאַנער. מרת גרונצווייג דערציילט אַז דאָס מיידל האָט געזאָגט די סאָלדאַטן, "We are Hungry Jews" - מיינענדיג צו זאָגן אַז "מיר זענען אונגאַרישע מיידלעך." דער סאָלדאַט האָט פאַרשטאַנען ווי אַזוי עס הערט זיך אין ענגליש: "מיר זענען הונגעריגע מיידלעך," וואָס איז אויך געווען ריכטיג.

"קינדערלעך, איך בין אויך אַ איד," האָט זיי איינער פון די זעלנער באַרואיגט.

(פאַרזעצונג אויף זייט 12)




Photo Credit: Yad Vashem

בילד פון ישיבה קטנה אין עשוועגע

### מרת גרונצווייג תחי' שילדערט:

(פארזעצונג פון זייט 11)

מרת גרונצווייג זאָגט אַז דער אַמעריקאַנער מיליטערמאַן (וואָס שיינט צו זיין מר. גאָלדשמידט) האָט זיי געראָטן: "גייטס אַריין אין שטוב - מאַכט צו דעם טיר, לייגטס טישן און בענקלעך, איר זאָלט נישט עפענען דעם טיר פאַר צוויי טעג..." ווייזט אויס אַז ער האָט קודם געוואָלט איינשטעלן אָרדענונג און פאַרזיכערן אַז די פרויען זענען גוט אָפּגעזונדערט און יעדער ווייסט אַז מ'דאַרף זיי לאָזן צורו און זיי ספּעציעל גוט באַהאַנדלען.

"ער האָט פאַראָרדענט די דייטשע בירגער אונז צו געבן פּאָטעיטאָס, גענוג וואַסער - זאָלן די פרויען כאָטש עסן פּאָטעיטאָס - אַזוי זענען מיר געווען צוויי טעג צוגעשפּאַרט," דערציילט מרת גרונצווייג.

די פאַמיליע פון מר. גאָלדשמידט האָט מיטגעטיילט מיט אונז אַ בריוו וואָס מרת איבאָלע מאַרקאָוויטש האָט מיט יאָרן שפּעטער געשריבן, אין וועלכע זי האָט געשילדערט 'עשוועגע'. זי שרייבט דאָרט אַז: "די גרופּע פון שטרענג-רעליגיעזע גלויביג, איז געווען שטרענג אַז קיינער קען נישט צוקומען צו זיי, בלויז אויטאָריזירטע פּערזאָנען האָבן געקענט אַריינגיין; אָן די ערלויבעניש פון מרים קראַקויער און רעלי סופר (די צוויי פירשפּרעכער, מרת סופר'ס נאָמען נאָך די חתונה איז דייטש) איז קיינער נישט ערלויבט געוואָרן אַריינצוגיין אין די הויז."

אין די טעג נאָך די קריג, האָט אַמעריקאַנער אַרמיי איינגעפירט אויסצוטיילן טיקעטס פאַר די דייטשע בירגער, דורך וועלכע זיי האָבן געקענט אָפּנעמען אַ באַשטימטע מאָס עסן. מרת גרונצווייג דערציילט אַז אָנהייב האָט מען זיי אויך געגעבן אַזעלכע טיקעטס. "יעדן פרייטאָג איז געקומען אַ ראַבּיי מיט אידישע סאָלדאַטן. מיר האָבן געוויזן אַז דאָס האָט מען באַקומען צו געבן עסן. זיי זענען געוואָרן זייער אויפגערעגט, זאגנדיג: 'ענק דאַרף מען געבן טיקעטס? דאָס איז פאַר די דייטשן. ענק דאַרף נישט קיין טיקעטס. עסט וויפיל איר ווילט, ווייל ענק זענען הונגעריג,' האָבן זיי געזאָגט." די זעלנער האָבן זיי אַלץ דערנאָך געברענגט גענוג צו עסן זיך צו זעטיגן.

## קורצע ביאָגראַפיע פון מרת גרונצווייג תחי'

**מרת גרונצווייג תחי' איז געבוירן אין פאפא, צו משפחת גאָלדבערגער, וואו זי האָט געלערנט אין די אַלגעמיינע שולע. "ווען מ'האָט גערעדט פון זייער גלויבן, זענען מיר אַלע אַרויסגעגאַנגען," דערציילט זיי אין די אינטערוויו.**

אַלס אינג מיידל האָט איר די מאַמע געש'יקט זיך לערנען נייען, וואָס איז צונוץ געקומען ביים ווערן באַפרייעט, טרעפנדיג אַ באַשעפטיגונג ביז מ'איז אָנגעקומען קיין עשוועגע, ווי אויך שפּעטער, האָט זי דערמיט מהנה געווען די גאַנצע גרופּע מיט קליידלעך.

ביי די קריג האָט מען געפירט די גאַנצע משפחה צום יאָר (דזשער) געטאָ, און פון דאָרט האָט מען זיי גענומען קיין אוישוויץ אין בהמה וואַגאָנען. די גאַנצע משפחה איז אַוועקגעריסן געוואָרן, אָבער "ס'איז געווען באַשריבן פון אויבען אַז מ'זאָל בלייבן - ס'זאָל זיין איינער וואָס האָט דורכגעמאַכט און עס איבערלעבן," זאָגט אויף זיך מרת גרונצווייג תחי' אויף זיך, זייענדיג דורכגעווייקט מיט אמונה שלימה.

אין אוישוויץ, איז זי אַריינגעפירט געוואָרן אינעם 'לאַגער B', וועלכע איז געווען מערסטנס פאַר אונגאַרישע פרויען און מיידלעך. צוויי חדשים זענען זיי געווען אינעם לאַגער. אַנדערש ווי פליכטלינגען אין אַנדערע אוישוויץ לאַגערן, האָט מען זיי נישט גענומען אַרבעטן טעגליך. זיי האָבן פאַרט ביטער געליטן און געפערליך געהונגערט.

יעדע נאַכט אשמנו: מ'האָט קיינמאָל נישט געוויסט וואָס דער מאָרגן וועט ברענגן. "מ'האָט נישט געוויסט, וועט מען לעבן אָדער נישט - וועט מען אויסהאַלטן אָדער ח"ו נישט," דערציילט מרת גרונצווייג הי"ו פון די שרעקליכע טעג.

מרת גרונצווייג הי"ו דערציילט אַז אינדערהיים אין פאפא, ווען איר מאַמע האָט געלייענט קריאת שמע יעדע נאַכט, האָט זי געהערט ווי זי זאָגט 'אשמנו, בגדנו, גזלנו. **"האָב איך געפרעגט: מאַמי, וואָס זאָגסטו?"** די מאַמע האָט געענטפערט, **"מ'קען נישט וויסן וואָס עס וועט זיין מאָרגן, אפשר וועט מען נישט אויפשטיין."** אין לאַגער, "האָב איך אויך געזאָגט ווידוי - איך האָב יעדע נאַכט געזאָגט אשמנו, בגדנו," נישט וויסנדיג צי דאָס איז נישט דער לעצטער נאַכט.

**"דער באַשעפער האָט אָבער געהאָלפן - מ'האָט טאקע דורכגעמאַכט שווערע טעג, אָבער מ'איז געבליבן לעבן ב"ה."**

וואָס איז זייער אינטערעסאַנט אין עשוועגע, איז אַז פון די קליינע גרופּע מיידלעך זענען זייער אַסאַך געווען געשוויסטער און קרובים. אויף די ליסטע זענען דאָ זיבן מיידלעך מיט די משפחה נאָמען דייטש, און פיר וועלכע האָבן געהייסן קליין פון געבורט. עס זענען געווען פינף פּאָרלעך פון שוועסטערס, און די גרונצווייגס זענען געווען די איינציגסטע וואָס זענען דריי שוועסטערס צוזאַמען, און עס איז אויך דאָרט געווען אַ פערטע גרונצווייג.

אַנדערש ווי אַנדערע מיידלעך, וועלכע האָבן געהאַט שוועסטערס אין קרובים אין עשוועגע, איז שרי גאָלדבערגער הי"ו געווען אָן קיין משפחה מיטגלידער דאָרט, אָבער זי איז שנעל געוואָרן אַ טייל פון די גרעסטע משפחה אין עשוועגע - די גרונצווייגס.

די גרונצווייג שוועסטער האָבן געלייגט אַן אויג אויף איר, און האָבן איר אָנגעג'שדכנ'ט צו זייער ברודער, **הרה"ח ר' משה מרדכי הי"ו**. די ערשטע צוויי קינדער האָבן זיי נאָך געבוירן אין עשוועגע, און דערנאָך זענען זיי געקומען אויף וויליאַמסבורג וואו זיי האָבן אויפגעבויעט הערליכע דורות - **עוד ינובון בשיבה דשנים ורעננים יהיו.**

# דער אידישער מיליטערישער גאָווערנאָר פון 'עשוועגע'

ווען די קריג האָט זיך געענדיגט, האָט קאַרל גאָלדסמיט, וועלכער איז מיט זעקס יאָר פריער אַנטלאָפן פון עשוועגע, דייטשלאַנד, אַריינגעגעבן אַ פאַרלאַנג געשיקט צו ווערן צו העלפן מיט די 'דענאַציפיקאַציע'- דאָס הייסט דאָס העלפן אויסראָטן נאַציזם - פון זיין היימשטאָט 'עשוועגע'. די מיליטער האָט אים דאַן באַשטימט אַלס דער 'מיליטערישער גאָווערנאָר.'

זיינע שכנים, וועלכע האָבן אים פריער פאַרראָטן - וועלכע האָבן אים אונטערדרוקט, און האָבן געשלאָגן און געמאָרדעט די אידישע איינוואוינער - האָבן זעלבסט-פאַרשטענדליך נישט אויסגעהאַלטן צו זען ווי ער איז געוואָרן דער געוועלטיגער און זיי דאַרפן צוקומען צו זיינע גענאַדן. איינער פון זיי האָט אים גערופן "דער אומגעקרוינטער קעניג." געקרוינט צי נישט, איז ער געווען דער בעל הבית.


קאַרל גאָלדשמידט אין מיליטער

Photo Credit: Goldsmith Family

ווען קאַרל איז אָנגעקומען קיין עשוועגע, זענען די מיידלעך געווען צייטווייליג פלאַצירט אין אַ קינדערגאַרטן, וואָס איז נישט געווען פּאַסיג צו וואוינען. "סטעף סאַרדזשענט אין די מיליטערישע שפּיאָנאַזש פון די אַמעריקאַנער אַרמיי, קאַרל גאָלדשמידט, האָט אונז געפינען דאָרט, 34 מיידלעך, נאָך אָנגעטאָן די העפטלינג-קליידונגען; ער האָט ערהאַלטן און געברענגט צו אונז מאַטריאַלן, די וואָס האָבן געהאַט קעטעניסן אין נייען האָבן אונז געמאַכט די קליידער וועלכע דו קענסט זען אויפ'ן בילד," דערציילט מרת מאַרקאָוויטש אין בריוו.

"נאָך עטליכע וואָכן, זענען מיר געגעבן געוואָרן דורך די מיליטערישע רעגירונג אויף לואיסענשטראַסע 21, אַ רחבות'דיגע הויז מיט מער פלאַץ צו וואוינען," דערציילט מרת מאַרקאָוויטש.

## אויסצוגן פון אַ בריוו פון גאָווערנאָר גאָלדשמידט

די טאָכטער פון קאַרל האָט אונז מיטגעטיילט אַ בריוו, וואָס האָט אויבען דעם דאַטום יוני 7, 1945 (כ"ו סיון תש"ה), אין וועלכע ער שילדערט וואָס גייט פאָר אין 'עשוועגע'. מיר ציטירן דעם טייל וואָס אָנבאַלאַנגט די גרופּע מיידלעך:

"יאָ, איין זייער וויכטיגע זאַך: ס'איז דאָ אין עשוועגע 34 באַפרייטע אונגאַרישע אידישע מיידלעך וועלכע זענען געווען אין דייטשע קאָנצענטראַציע לאַגערן. וואָס די מיידלעך זענען דורכגעגאַנגען איז שווער זיך פאָרצושטעלן. ס'איז אַ שרעקליכע געשיכטע וואָס קיין איין מח קען עס נישט גלייבן. זיי וואוינען איצט אַלע אין אַ הויז, עסן גוטע פּאָרציעס און קומען צוביסלעך צוריק צום לעבן. זיי זענען אַלע פון 13 ביז 20 יאָר אַלט. איך האָב די גאַנצע ליסטע פון זייערע נעמען אויב איינער וויל זיי קענען. אַלע זייערע קרובים זענען שוין מסתמא נישט בין החיים, וויבאַלד זיי זענען אָפּגעטיילט געוואָרן אין די קאָנצענטראַציע לאַגער. איך האָף אַז מיר קענען עפּעס טאָן פאַר די מיידלעך, זיי האָבן נישט קיינעם, ווייסן נישט וואָס צו טאָן, זיי האָבן נישט קיין היים, נישט גאָרנישט."

(פארזעצונג אויף זייט 16)

Friday
**9:00 AM** to **12:00** PM

**718.643.9700**
*Fax:* 718.819.1817

**UNITED JEWISH ORGANIZATIONS**
of **Williasmburg** and **North Brooklyn**

**פֿאָלגענדע זענען די עקסטענשאָנס צו אונזערע דעפּאַרטמענטס**
כדי איר זאָלט אייך קענען פֿאַרבינדן מיט זיי שנעל און באַקוועם:

## Services for Seniors and Disabled

**Medicaid for Seniors**
☎ | 206, 209, 210, 228

**Medicare Saving Program, Secondary Insurance, EPIC**
☎ | 206, 210, 228

**Medicaid Spenddown**
☎ | 206, 209, 210, 228

**Transportation**
☎ | 208

**MLTC – Managed Long Term Care**
☎ | 206, 210, 205, 241

**Medicare & Part D**
☎ | 206, 210, 228

**Pool Trust**
☎ | 206, 209

**Social Security, SSI, SSD**
☎ | 206, 209, 210, 228

**Home Care, CD Pap**
☎ | 241, 205

**Power of Attorney, Health Proxy**
☎ | 206, 209, 210

## Services for Holocaust Survivors

**Compensation Services from Claims Conference**
☎ | 224, 208

**Homecare, Housekeeping and Transportation**
☎ | 205, 217

**Emergency Financial Assistance**
☎ | 211

**Meals on Wheels**
☎ | 244

## General Services

**Food Stamps**
☎ | 202, 213, 218, 207

**Housing & Section 8**
☎ | 203

**Workforce Development**
☎ | 227

**Immigration Assistance**
☎ | 222

**Legal Assistance**
☎ | 216

**Unemployment**
☎ | 206, 209

**HEAP, Energy Share, Empower**
☎ | 223

**Medicaid & HMO Issues**
☎ | 205, 241

**Pusoach**
☎ | 243

**Special Ed & Children Services**
☎ | 231

**Family Crisis Intervention**
☎ | 211, 205

**Medicaid, Child Health Plus, Marketplace Insurance** (Including Exemption Authorizations)
☎ | 202, 213, 214, 218, 207

דער אָפיס
וואָס שטייט
אייך גרייט צו
באַדינען פאַר
**אַ יובל**
**(50) יאָר!**

UNITED JEWISH ORGANIZATIONS

אין די יו.דזשעי.אָ. אָפיסעס קענט איר **אַפּלייען** און **רעסערטיפייען** פאַר **אַלע רעגירונג הילף פראָגראַמען** און נאָך, אָן זיך דאַרפן שלעפּן אין שטאָטישע אָפיסעס.

Monday to Thursday
**9:00 AM** to **5:00** PM

Friday
**9:00 AM** to **12:00** PM
(Last appointment starts at 4:00 PM)

**32 Penn Street**
Between Wythe Ave. & Kent Ave.

**718.643.9700**
*Fax:* 718.819.1817

**קארל גאלדשמידט:**

(פאָרזעצונג פון זייט 13)

"נאָך אַ מזל ס'זענען דאָ אַסאַך אידישע זעלנער סטאַנציאָנירט אין די לופט-באַזע און זיי געבן זיך אָפּ מיט די מיידלעך זיי זאָלן באַקומען צו עסן און זיי האָבן אויך פאַרשאַפט קליידער פאַר זיי. [פרעג נישט די חברה וואו זיי האָבן באַקומען די סחורה; ס'איז זיכער נישט צוגעשטעלט געוואָרן פאַר זיי דורכ'ן אַרמיי קוואַרטיר-מייסטער - דער וואָס שטעלט צו די געברויכן פאַר'ן מיליטער]."

(ווייטער אינעם בריוו רעדט ער פון אַנדערע זאַכן אין 'עשוועגע').

## די בעסטע מאָמענטן - שבת נאָך לעכט צינדן

אינעם בוך 'דעם פיינט וואָס איך האָב געקענט (The Enemy I knew),' איז דאָ איין קאַפּיטל וואָס קאַרל האָט געשריבן פון זיינע קריג איבערלעבענישן, און ער דערמאַנט אויך די מיידלעך פון 'עשוועגע'.

"די שענסטע מאָמענטן וואָס איך געדענק וועט אַלץ זיין ווען איך בין ערלויבט געוואָרן דורך זיי צו קומען צו זייער הויז און זיצן אין טונקעל מיט בלויז די שבת לעכט ברענען" הערנדיג זייערע תחנות און תפלות.

קאַרל איז צוריקגעקומען קיין אַמעריקע אין יאַנואַר פון 1946. ער זאָגט אַז אַביסל נאָכדעם האָבן די מיידלעך געטראָפן גענוג פּאָרן און משפחות צו הייראָטן, און "איצט זענען זיי מסתמא שוין אַלע באַבעס אָדער אין די סטעיטס אָדער אין איזראַעל."

## צווינגט דייטשע קריגס אַרעסטאַנטן צו פאַררעכטן בית החיים

פון די ערשטע זאַכן וואָס קאַרל האָט געטאָן אין 'עשוועגע' - דערציילט זיין טאָכטער - איז אויך געווען אַז ער האָט גענומען אַ גרופּע דייטשע קריגס-אַרעסטאַנטן און זיי געמאַכט פאַררעכטן דעם אידישן בית החיים. אַזוי ווי איבעראָל, האָבן די נאַציס ליידער צובראָכן און צושמעטערט די מצבות. מר. גאָלדשמידט האָט גענומען די אַרעסטאַנטן וועלכע האָבן געקעמפט פאַר היטלער, און זיי געשטעלט צוזאַמענצוקלויבן די שטיקער מצבות און זיי צוריקאויפשטעלן און פאַררעכטן.

יאָרן שפּעטער, ווען די טאָכטער לאָורי איז געווען אין פראַנקרייך אויף שטודיעס, איז דער פאָטער געקומען איר באַזוכן און זיי זענען

## קורצע ביאָגראַפיע פון קאַרל גאָלדשמידט ע"ה

**קאַרל גאָלדשמידט ('גאָלדסמיט' אין אַמעריקע) איז געבוירן אין עשוועגע אין תרפ"א. זיינע עלטערן - רעליגיעזע אידן - האָבן געהאַט אַ ביזנעס און זענען געווען פאַרמעגליכע מענטשן. מיט היטלער'ס אויפשטייג צו דער מאַכט, האָבן זיך זייערע רואיגע יאָרן געענדיגט. זיי האָבן צוגעזען די רציחות און ברוטאַליטעטן פון קריסטאַלנאַכט, און ווי פילע אידן, האָבן זיי באַשלאָסן צו אַנטלויפן, איבערלאָזנדיג דאָס לאַנד בעירום ובחוסר כל.**

די משפחה איז געווען פון די מזל'דיגע צו באַקומען אַן אַפידעוויט פון אַ קרוב פון אַמעריקע כדי צו קענען עמיגרירן צו די פאַראייניגטע שטאַטן, און זיי האָבן ערלעדיגט אַרויספאָר פאַפירן פון דייטשלאַנד. צו זייער ביטערע אַנטוישונג, האָט די אַמעריקאַנער קאָנסולאַט אַנטזאָגט צו געבן שריפטן פאַר קאַרל'ס פאָטער, וויבאַלד ער האָט געהאַט געליטן פון יענע מחלה ל"ע.

קאַרל'ס פאָטער איז דעריבער בלית ברירה געפאָרן קיין פאַלעסטינע, בעת קאַרל איז אַרונטערגעבליבן. זיין טאָכטער, לאָורי גאָלדשמידט-הייטנער, באַטאָנט פאַר דעם שרייבער אַז טראָץ וואָס איר פאָטער האָט ליב געהאַט ארץ ישראל, און האָט דאָס אויך איינגעפלאַנצט אין זיינע קינדער, האָט ער זיך געוואָלט באַזעצן אין די פאַראייניגטע שטאַטן. קאַרל איז דעריבער געבליבן אין עשוועגע, און איז דערנאָך געפאָרן קיין אַמעריקע, אָנקומענדיג אַהער אַ זיבעצן יעריגער בחור, בעירום ובחוסר כל, ממש אָן גאָרנישט מיט וואָס צו לעבן.

קאַרל האָט מער נישט געזען זיין פאָטער, וועלכער איז אַוועק פון די וועלט נאָך צוויי און אַ האַלב יאָר זיין אין ארץ ישראל. די מאַמע איז דאַן געקומען זיך באַזעצן אין די פאַראייניגטע שטאַטן.

אין די ערשטע יאָרן האָט קאַרל שווער געאַרבעט - פאַר אַ שטיק צייט האָט ער געאַרבעט אַלס ריינינגער אין אַ שפּיטאָל פאַר טיפוס-ליידנדע אין בעדפאָרד הילס (די היינטיגע קאַשוי שטעטל איז געבויעט אויפ'ן שטח פון יענעם מאַנטיפיאָרי שפּיטאָל), און אַזוי האָט ער געהאַט אַנדערע שווערע באַשעפטיגונגען אין וועסט-טשעסטער.

ער האָט אָבער באַוויזן נאָך צוויי יאָר זיך אַריינצוגיין אין די קאָרנעל יוניווערסיטי. אין 1942, האָט ער זיך פּרובירט אָנצושליסן אין די אַרמיי כדי צו באַקעמפן די נאַציס ימ"ש. אָנהייב האָט מען אים אַנטזאָגט, וויבאַלד ער איז געקומען פון אַ פיינטליך לאַנד, און מ'האָט מורא געהאַט אַז דייטשן פּרובירן צו אינפילטרירן די אַרמיי. ער האָט אָבער באַוויזן צו איבערצייגן די באַאַמטע אַז אַלס איד האָט ער מער פיינט די דייטשע 'ווערמאַכט' ווי זיי, און אין 1943 איז ער אַריין אין די אַרמיי.

צווישן זיינע אַמטן האָט די מיליטער געמאַכט נוצן פון זיינע דייטשע קענטעניסן, און אים באַשטימט צו העלפן מיט די אויספאָרשונגען פון די דייטשע זעלנער.

קאַרל איז אַוועק פון די וועלט כ' שבט תשס"ב, איבערלאָזנדיג פיר קינדער - צווישן זיי איז **לאָרי הייטנער** וועלכער האָט אונז געשאָנקן אַן אינטערוויו און אונז מיטגעטיילט די בריוון פון קאַרל און מרת מאַרקאָוויטש צו פּובליצירן - און עלף איניקלעך.

די טאָכטער זאָגט, דאָס בעסטע וואָס איך קען שילדערן מיין טאַטע: **"ער האָט ליב געהאַט אידישקייט. ער געווען אַ שטאָלצער איד, אַ שטאָלצער אַמעריקאַנער, אַ שטאָלצער מאַן און שטאָלצער פאָטער."**

צוריקגעפאָרן קיין עשוועגע. ער האָט איר דאָרט געטראָגן צום אידישן בית החיים, וויזן די פאַרראָכטענע מצבות.

##ווידערפאַראייניגונג מיט קאַרל

עטליכע יאָר בעפאָר ער איז אַוועק פון די וועלט, דערציילט די טאָכטער, איז פאָרגעקומען אַ רי-יוניאָן צווישן אים און איבערלעבער פון 'עשוועגע' אין ברוקלין. זיי האָבן אים געגעבן אַן אויסצייכענונג טאָוועל וואָס לייענט זיך ווי פאָלגענד:

"פרעזענטירט צו
**קאַרל קעי. גאָלדסמיט**
געוועזענער סטעף סאַרדזשענט אין די אַמעריקאַנער אַרמיי געשטעלט אויף דע-נאַציפיקאַציע
**אַלס אַן אויסדרוק פון דאַנקבאַרשאַפט פאַר די נאָבעלע טאַטן און ליבנדע באַהאַנדלונגען וואָס דו האָסט געשאָנקן צו אַ גרופע פון 34 אונגאַרישע אידישע מיידלעך אין עשוועגע, דייטשלאַנד, וואָס זענען נאָרוואָס באַפרייעט געוואָרן פון צוואַנגס אַרבעט-לאַגער.**
מיט די פראָוויזיעס און קליידונג, עסן און אַנדערע געברויכן, האָסטו צוריק אויפגעלעבט זייער פאַרלוירענע צוטרוי אין מענטשליכקייט און אַריינגעלייגט אין זיי די האָפענונג פאַר אַ בעסערע וועלט.
**זאָל דער אייבירשטער בענטשן דיך און דיין פאַמיליע."**



Photo Credit: Goldsmith Family

טאָוועל וואס די עשוועגע גרופע איבערלעבער האבן געגעבן פאר מר. גאלדשמידט ביי זייער רי-יוניאן



Maybe the letter is not what you expected it to be but there is much that I didn't have time to see. Oh yea, one very important thing: There are in Eschwege 34 liberated Hungarian jewish girls who were in a German concentration camps. What those girls went through is hard to imagine. It is a horrible story which no mind can believe. They all live in a house now eat good rations and come slowly back to life. They are all from 13 to 20 years old. I have their complete list of names if someone wants to know them. All their relatives are probably dead since they were se parated in a concentration camp. I wish we could do something for those girls they have noone, don't know what to do have no home nor anything. Thank goodness there are a lot of jewish soldiers stationed at the air base and they take care of the girls as far as food is concerned and they also got clothes for them. (Don't ask the fellows where they got that stuff; it definetely is not issued by the army Quartermaster.)

Photograph Telgmann wanted to know about a lot of peole and then he gave me some film for my camera, which after all was pretty nice and I left him to look around some more. If you come to Eschwege bring your own liquor there is absolutely not one drop there to drink, I combed the town but our G.I.'s did a good job and there is not a drop left with the exception of the US Army ration.

After waiting for my truck one day later than I was supposed to and since I was in a hurry to get back to my job, (that sounds very ambitious) I went to the airport and got a ride to Nuernberg and from there back to here.

If anyone wants to know more, just write and I'll see if I know it; If not I'll try and find out the next time I go.

By now you are probably tired of reading anyway, it is half past twelve at night, there are a cage full of prisoners outside who do need our attention in the morning.

Write soon.

Karl.

Credit: Goldsmith Family

טייל פונעם בריוו פון קאַרל גאָלדשמידט, געשריבן יוני 7, 1945, פון עשוועגע



עלען גאָלוב ביי זיין מיליטערישער קווארטיר אין עשוועגע

# דער פּילאָט וואָס האָט געדראָעט מיט'ן ביקס פאַר סחורה

גאָב-גאָב איז געווען איינע פון די זעלנער וועמען די 'עשוועגע' אידן האָבן אַלע געדענקט צום גוטן. מס. פּערל גלאָק, וועלכע האָט אינטערוויואירט משפחות פון עשוועגע, זאָגט אַז אויך זייערע קינדער און אייניקלעך האָבן אויך געוויסט פון די געשיכטע פון אַ מענטש וועלכער האָט זיי געהאָלפן באַקומען סחורה פאַר קליידונג.

היי-יאָר - ביי די רי-יוניאָן אין 'פּתח תקוה' - האָבן אַ צאָל פון די איבערלעבער און זייערע משפחות, ענדליך עספּיעט זיך צו באַגעגענען מיט אברהם גאָלובאָנטשין, עלען גאָלוב, וועלכער איז געווען דער מאַן וואָס האָט זיי געהאָלפן באַקומען די סחורה, און האָט זיי צוגעשטעלט נאָך הילף.

אברהם איז געווען צווישן אַ גרופּע אידישע זעלנער וועלכע זענען אָנגעקומען קיין עשוועגע. וויבאַלד ער האָט גערעדט אידיש, איז ער געווען דער וואָס האָט די מערסטע זיך אָפּגעגעבן צו באַזאָרגן די מיידלעך מיט וואָס עס האָט זיי נאָר געפעלט. ער דערציילט אַז ער האָט זיי צוגעשטעלט קוילן זיי זאָלן קענען קאָכן און זיך וואַרימען אין די ווינטער טעג, ווי אוך האָט ער זיי פאַרשאַפט עסן.

זיין איידים, מר. סאָליוועז, האָט בעת די באַגעגעניש אין וויליאַמסבורג געזאָגט פאַר דעם שרייבער אַז: "ער האָט געוויסט אַז ער קען געשטעלט ווערן פאַר'ן אַמעריקאַנער מיליטערישן געריכט (ווי די שטראָפן אין קריגס צייטן זענען אויסערגעוועגליך שטרענג)" פאַר צושטעלן די סחורה פאַר סיי וועמען אָן די מיליטערישע ערלויבעניש.

מר. גאָלוב האָט אויך געזען אַז די מיידלעך גייען אָנגעטאָן געפערליך אָפּגעשליסן, אוממענטשליך. ער האָט באַשלאָסן אַז מ'מוז צושטעלן פאַר זיי פּאַסיגע נייע קליידונגען. ער איז געגאַנגען צו אַ לאָקאַלע סחורה געשעפט, און פאַרלאַנגט צו קויפן סחורה צו קענען צושטעלן קליידלעך פאַר די מיידלעך. די דייטשע געשעפט-אייגענטימערין האָט עס אָבער אַנטזאָגט, אָנווייזנדיג אַז צוליב'ן מאַנגל אין מאַטעריאַל נאָך די קריג האָבן די געשעפטן נישט געטאָרט פאַרקויפן קיין גרעסערע קוואַנטומס, נאָר אַ באַשטימער מאָס פער מענטש.

ער האָט פּרובירט צו ערקלערן דעם נויט, אָבער די אייגענטימערין איז נישט גרייט געווען צו פאַרציכטן אויף די דייטשע קאָרעקטקייט אפילו ווען דאָס האָט אויסגעפעלט פאַר די פאַרפּייניגטע דורך איר פאָלק. זי האָט זיך גע'עקשנ'ט אַז זי קען עס נישט פאַרקויפן.

אַז עס גייט נישט מיט גוטן, האָט עלען גענומען דעם קומענדיגן מיטל. ער האָט אַראָפּגעשטעלט זיין רעוואָלווער אויפ'ן טישל, געצילט צו די וואָס איז געשטאַנען אויף די אַנדערע זייט, און האָט איר ערקלערט אַז ער מוז האָבן די סחורה.

דעם שפּראַך האָט זי שוין פאַרשטאַנען, און האָט פאַרקויפט וויפיל געוואַנט ער האָט פאַרלאַנגט.

די מיידלעך האָבן זיך גענומען צו די אַרבעט, און אויפגענייעט צענדליגער שיינע און צניעות'דיגע קליידלעך פאַר די גאַנצע גרופּע.

ווי מרת גרונצווייג דערציילט אין די אינטערוויו, האָט מרת דייטש געקענט גוט שניידן, און מרת גרונצווייג האָט אָלס אינג מיידל זיך געלערנט נייען. ממילא האָט מרת דייטש צוגעשניטן די סחורה, און מרת גרונצווייג האָט עס אויפגענייעט.

זי האָט אָבער נישט געוואָלט נעמען די ערשטע פאַר איר. "איך האָב גענייעט פּופּצן, און ערשט די זעכצנטע גענומען פאַר מיר... איך קען נייען פאַר מיר שפּעטער, קודם פאַר אַנדערע... איך וועל שוין מאַכן פאַר מיר שפּעטער," דערציילט מרת גרונצווייג אין די אינטערוויו ווי אַזוי זי האָט דעמאָלט געטראַכט.

ווי אַזוי האָט זיך געשפּורט ווען זי האָט געזען אַנדערע שוין טראָגן די קליידער אָבער זי אַליין איז געגאַנגען אָפּגעשליסן? "איך האָב געשפּורט אַ מחיה, ווייל איך ווייס אַז איך האָב קודם געמאַכט פריער פאַר די וואָס קענען נישט נייען," ענטפערט זי. זי האָט נאָך אַ דאַנק בריוו, וואָס זי נעמט אַרויס יעדעס יאָר ביים פּסח'דיג מאַכן און לייענט עס איבער, און דאָס דערוואַרימט איר דאָס האַרץ.

"די אַמעריקאַנער סאָלדאַטן האָבן געברענגט צוויי מאָל סחורה - איין מאָל פאַר שבת'דיגע קליידער און איין מאָל פאַר וואָכענדיגע קליידער. יעדער האָט געהאַט צוויי קליידער," דערציילט זי ווייטער.

מרת מאַרקאָוויטש דערציילט אין איר בריוו אַז אין מאי 1945 זענען צוויי טשאַפּלעינס געקומען, ראַביי בענדער, און ראַביי ראַבערט מאַרקוס, וועלכער איז געווען פון די ערשטע צו באַפרייען בוכענוואַלד. בענדער האָט דאַן גענומען אַ בילד פון די מיידלעך מיט זייערע קליידער, אויף וועלכע מ'זעט אויך ראַביי מאַרקוס.

די מיידלעך האָבן געוואָלט אויסדרוקן זייער דאַנק אויף פּאַפּיר פאַר מר. גאָלוב. זיי האָבן אים דעריבער געגעבן דעם בילד פון די אַלע מיידלעך מיט די קליידער (פיר האָבן שוין געפעלט ווייל זיי זענען צוריקגעגאַנגען קיין אונגאַרן), אויפ'ן אַנדערן זייט פונעם בילד האָבן זי געשריבן אַז דאָס איז אַן אָנדענקן פאַר "גאָב גאָב, פון אונגאַרישע אידישע מיידלעך. עשוועגע, 1945, יולי 1."

אַ האַלב יאָר שפּעטער איז די עשוועגע לופט-באַזע געוואָרן אַן אָפיציעלער די.פּי. קעמפּ. און די קריג היסטאָריקער מערקן אָן אַז ס'איז ספּעציעל געווען דאָרט אַ גרעסערע צאָל קליינע קינדער. דער קעמפּ האָט געהאַט רוחניות'דיגע אָנשטאַלטן פאַר די ערליכע אידן, ווי אַ חדר, ישיבה, און בית יעקב פאַר מיידלעך, עטליכע שולן און אַ מקוה. אין איר הויכפּונקט, האָט עשוועגע געהאַט 3,355 אידן. עס איז געשלאָסן געוואָרן אַפּריל 26, 1949.

## די ווידער-פאַראייניגונג אין וויליאַמסבורג

מר. גאָלוב האָט קיינמאָל נישט דערציילט פאַר זיין משפחה וואָס ער האָט געטאָן אין די קריג. אין די 90'ער יאָרן האָט ער אַוועקגעגעבן דאָס בילד פאַר די 'יד ושם' האָלאָקאָוסט מוזעאום אין ירושלים. אַרום 15 יאָר צוריק האָט אָבער זיין איידים געהערט פון די געשיכטע, און האָט אָנגעהויבן נישטערן צו טרעפן די איבערלעבער.

ער איז באַקאַנט מיט עווא מס. קאַהן, אַ אידישע שרייבערין אין נ.י. טיימס וועלכע שטאַמט פון אונגאַרן, און זיי האָבן אָנגעהויבן נישטערן נאָך אינפאָרמאַציע, אָבער ס'איז זייער שווער געגאַנגען צו טרעפן איבערלעבער.

(פאַרזעצונג אויף זייט 20)

Mrs. Ibolya Markowitz
~~[illegible] East [illegible] Street~~ 2939 AVE Y, #3D
Brooklyn, N.Y. 11235

Der Magistrat
Stadt Atadtallendorf,
Posrfach 1420 D-3570
Stadtallendorf, Deutschland

Gentlemen:

Received your kind letter dated the 5th of this Month together with the impresive Ausstellung'skatalog of the Dokumentations- und Informationszentrum Stadtallendorf for which I am thanking you very much. In the following I will try according my best knowledge to provide further information as you have requested.
As the U. S. Army were closing on to Allendorf, they forced us into a "death-march", however, the Wehrmacht- and S. S. officers have disappeard - we were than liberated by the Americans. They were leading us into Eshwege and placed us in the Kindergarten temporarly till they will find for us suitable quarters. Staff sergeant in military intelligence of the U. S. Army, Karl Goldsmith has found us there 34 girls still wearing the Heftling-garb; he has obtained and brought us material, those of us had some knowledge of sewing made us the dresses what you can see on the picture. Although there are only 31 on the picture since three have by then already returned to Hungary. This group of strict religious conviction was off limits, only authorized person could enter; without the permission of Miriam Krakauer or Rellie Sofer (the two spokespersons) noone was allowed to enter the house. As the occupying American soldiers found out that some of the former prisoners of KZ are in Eschwege, we were often invisited by Jewish soldiers who brought food what otherwise was very hard to obtain, Even Jewish chaplains have come over from time to time to console and comfort us. It was in May of 1945 when two chaplains came, which one of them Rabbi Bender made the picture of the group and Rabbi Marcus was seating among them.
After a couple of weeks we were given by the military government on Luisenstrasse 21 a spacious house more convenient living quartes. Within the following two years most of the girls have married and lived there for a while; then they left either to the United States Or to Israel. I am still in touch with those who are still alive.

Credit: Goldsmith Family

דער בריוו פון איבאָלאַ מאַרקאָוויטש שילדערנדיג דאָס לעבן אין עשוועגע

## עלען גאָלוב:

(פאַרזעצונג פון זייט 19)

דעם ווינטער האָט די פאַמיליע פון מר. גאָלוב, וועלכער איז איצט 91 יאָר אַלט און זיין פרוי איז 89 יאָר אַלט, באַשלאָסן מיטצוהאַלטן ווען זייער'ס אַ קרוב האָט געפּראַוועט די 65'סטע יאָרטאָג פון אַ חתונה אין ניו יאָרק. האַלטנדיג ביים קומען, האָט עווא קאַהן זיך פאַרבינדן מיט מס. רבקה שילער, וועלכע רעדט 'אידיש', צו פּרובירן אָנקנופּן פאַרבינדונגען מיט אַ ליסטע וואָס זיי האָבן געהאַט פון די עשוועגע גרופּע, אָבער זיי האָבן נישט מצליח געווען צו טרעפן קיינעם וועמען מר. גאָלוב קען באַזוכן.

האַלטנדיג אַ וואָך בעפאָר קומען קיין ניו יאָרק, האָט מס. קאַהן זיך געוואָנדן צו מס. שילער, זי זאָל איר געגעבן אַדרעסן צו אָרגאַניזאַציעס וועלכע זענען אפשר באַקאַנט מיט די עשוועגע גרופּע. מס. שילער האָט געגעבן פאַר מס. קאַהן עטליכע אָרגאַניזאַציעס, אַריינגערעכנט 'פּתח תקוה' אין וויליאַמסבורג מיט וועלכע זי איז פּערזענליך באַקאַנט פון אַ פּראָגראַם וואָס זי פירט דאָרט צו העלפן קריג איבערלעבער איבערטייטשן דאָקומענטן פון און צו אידיש.

אינדערצווישן האָט די גאָלוב פאַמיליע געפּלאַנט די רייזע קיין ניו יאָרק, אַראַנזשירנדיג פאַר מר. גאָלוב בלויז דורכצופאָרן פלעטבוש, באָראָ פּאַרק, וויליאַמסבורג, און זען די געגנט ווי די איבערלעבער וואוינען.

עטליכע טעג בעפאָר'ן קומען האָט די גאָלוב פאַמיליע באַקומען אַן אי. מעיל פון מס. קאַהן, אונטער'ן קעפּל: 'איבערראַשנדע נייעס'. די לאַנגע יאָריגע זוכעניש האָט געבּרענגט רעזולטאַטן.

דער בריוו וואָס איז אָנגעקומען צו 'פּתח תקוה', האָט דערגרייכט די איבערגעגעבענע מרת ליכטענשטאַדטער. דאָס האָט איר אָנגעצינדן אַ לעמפּל - זי האָט קרובים וועלכע קומען פון עשוועגע, אַריינגערעכנט מרת גרונצווייג. מרת ליכטענשטאַדטער - וועמען עס קומט אויס צו אַרבעטן אינאיינעם מיט מס. שילער - האָט זיך פאַרבינדן מיט איר, און די נישטערונגען 15 יאָר נאָך איבערלעבער איז אין עטליכע טעג געלעזט געוואָרן - מאָנטאָג ווירא איז פאַרגעקומען די פאַראייניגונג מיט עטליכע איבערלעבער פון עשוועגע און הונדערטער פון זייערע קינדער און אייניקלעך.

דר. זלמן קאָטצען הי"ו און דער געטרייער לאַנג-יאָריגער דירעקטאָר פון פּתח תקוה, דר. יצחק שינדלער הי"ו, האָבן באַשלאָסן צו צושטעלן פאַר מר. גאָלוב זיין פאַרדינטע הכרת הטוב און צו פאַרווירקליכן דעם וואונטש פון די איבערלעבער זיך צו טרעפן מיט זייערע רעטער.



Photo Credit: Golub Family

עלען גאָלוב זיצנדיג אויף זיין מיליטערישער פליגער

דער פּלאַץ וואָס איז געווען צוגעשטעלט פאַר די באַגעגעניש אין 'פּתח תקוה' איז געווען געפּאַקט מיט פאַמיליע מיטגלידער פון די איבערלעבער. מר. גאָלוב איז געזעסן אין צענטער, און ער האָט געברענגט דעם בילד וואָס ער האָט באַקומען מיט זעכציג יאָר צוריק. מיט אים זענען געווען דריי איבערלעבער פון די גרופּע, אַריינגערעכנט מרת גרינצווייג, וועלכע האָט אויפגענייעט

## קורצע ביאָגראַפיע פון עלען גאָלוב הי"ו

**אברהם גאָלובאָנטשין איז אויפגעוואַקסן אין אַ רעליגיעז אידישע פאַמיליע אין די דאָרטשעסטער געגנט פון באָסטאָן. דער טאַטע איז געקומען פון רוסלאַנד, די מאַמע פון פוילן, און אין שטוב האָט מען גערעדט בלויז אידיש, דערציילט זיין איידעם, מר. סאָליוועט. אין עלטער פון 19 יאָר האָט ער זיך אָנגעשלאָסן אין די אַמעריקאַנער אַרמיי, און איז געוואָרן פון די אינגסטע אַמעריקאַנער פּילאָטן אין די קריג.**

ער האָט געדינט אַלס ליוטענאַנט אין די 67'סטע טאַקטישע אויסשפּור גרופּע, פון די 109'טע סקוואַדראָן פון די אַמעריקאַנער עיר פאָרס. אברהם (אויף ענגליש 'עלען', און נאָך די קריג האָט ער פאַרקירצערט זיין משפחה נאָמען צו 'גאָלוב') האָט געפירט אַ פּי.51- מאָסטאַג קאַמפּס פליגער, וועלכע איז געווען אויסגעשטאַט מיט צוויי קאַמערעס און זעקס 50-קאַליבער מאַשין ביקסן. ער איז געפלויגן מיסיעס צו פאָטאַגראַפירן מעגליכע פיינטליכע צילן. נאָך וואָס די צילן זענען באָמבאַדירט געוואָרן, איז ער נאָכאַמאָל געפלויגן און פאָטאָגראַפירט די געגנט, צו זען די שאָדנס וואָס די באָמבעס האָבן אָנגעזייעט.

אין מאַרטש, 1945, איז ער סטאַנציאָנירט געוואָרן אין עשוועגע.

נאָך די קריג האָט ער זיך צוריקגעקערט. ער האָט געהייראָט עטליכע יאָר שפּעטער. ער האָט **5 קינדער, עלף אייניקלעך** און האָט שוין אויך **צוויי אור-אייניקלעך.** קיינמאָל האָט ער נישט מיטגעטיילט פאַר די קינדער וואָס ער האָט געטאָן נאָך די קריג, נישט האַלטנדיג אַז דאָס איז אויסערגעווענליך.

**"עלען שפּורט זיך גוט,"** האָט דער איידעם געשריבן אָנהייב חודש ניסן. **"ער איז געווען זייער פאַרנומען פאַר אַ ווייַלע, מיט פילע טעלעפאָן רופן און אינטערוויוס..."** אַלס טייל פון די אַרבעט אויף אַ דאָקומענטאַרישע פּרעזענטאַציע, האָט מען אינטערוויואירט עלען, זיין איידעם און צוויי פון די עשעוועגער גרופּע. **זיי וואַרטן איצט צו זען די פערטיגע פּרעזענטאַציע.**

די קליידער, מרת לאה זינגער, און מרת אסתר עפשטיין (קראַקאָוער) אַלס מיידל) - לאיוש"ט.

מר. גאָלוב האָט זיך נישט געקענט אָפּרייסן פון די שיינע אויפנאַמע, און זעענדיג די איבערלעבער, זייערע קינדער און קינדס-קינדער, וואָס אַלע געדענקן און זענען אין אַזוי טיף דאַנקבאַר פאַר זיין געטרייע הילף. פון אַ פאַרבראַכט וואָס האָט געדאַרפט נעמען בלויז אַ שעה, האָט עס געדויערט פיל לענגער. די איבערלעבער האָבן אויך געברענגט אייגענע בילדער און מיטגעטיילט אייגענע ערניאירונגען פון יענע יאָרן.

ווען מ'האָט געפרעגט מר. גאָלוב צי ער געדענקט נאָך געוויסע איינצעלהייטן פון יענע צייט, האָט ער באַשיידענערהייט געזאָגט: "איך געדענק נישט..." "איר געדענקט נישט, אָבער דער בילד וועט בלייבן ביי די משפחות און זיי וועלן דאָס אַלץ געדענקן," האָט רעאַגירט ר' משה דוד ניעדערמאַן הי"ו.

| נאמען אויפ'ן בילד | נאמען נאך די חתונה | וואוינארט נאך די קריג |
|---|---|---|
| **דזשוליע גרונצווייג**<br>שוועסטער מיט הינדי און חנה הענטש | יכט פארגעס | ירושלים |
| **מאריזע ווייס** | | |
| **שרי-סזערען פרענקעל** | | |
| **איבאליע וועכטער**<br>שרייבערין פון בריוו | מארקאוויטש | פלעטבוש |
| **עליס בריעגער** | | |
| **מרים-מארגיט קראקאוער**<br>שוועסטער פון אסתר - פירשפרעכער פון גרופע | | |
| **מאגדא דייטש**<br>שוועסטער מיט לילי | מרים קאלמאן | ארץ ישראל |
| **מאגדא דייטש**<br>שוועסטער מיט עדיט | רויזעלע ראזענבערג | פתח תקוה |
| **לילי דייטש**<br>שוועסטער מיט מאגדא | | |
| **עדיט דייטש**<br>שוועסטער מיט מאגדא | ליכטנבערג | קאנאדא |
| **עדיט קליין** | | פתח תקוה / שווייץ |
| **באשי-בערטא אונגאר** | | |
| **מאריסקא קליין**<br>שוועסטער מיט לאה | כיימאוויטש | וויליאמסבורג |
| **איבאליע גרונצווייג**<br>שוועסטער מיט יכט און חנה הענטשא | הינדא קליין | ירושלים |
| **לאה קליין**<br>שוועסטער מיט להבחל"ח מרת כיימאוויטש | זינגער תחי' | וויליאמסבורג |
| **דזשוסי לאזאר** | פאולדי | אונגארן |
| **שרי גרונצווייג** | וועבער | בארא פארק |
| **לאה הירשפעלד** | האלפערט | קרית יואל |
| **שרי געווירץ** | | וויליאמסבורג |
| **מארטא בלאו**<br>שוועסטער מיט פריידא | מירי קלעלמען | סאמבאטהעלי, אונגארן |
| **עווא דייטש** | סימאן | קאנארסי |
| **אלגא סופר** | טויבא ראטה | וויליאמסבורג |
| **טערעסא סופר**<br>פירשפרעכער און האט צוגעשניטן די קליידער | רעלי דייטש | וויליאמסבורג |
| **שרי גאלדבערגער**<br>שניידערין - אינטערוויו פון איר אינעם ארטיקל | גרונצווייג תחי' | וויליאמסבורג |
| **ראזי קליין** | | |
| **פריידא בלאו**<br>שוועסטער מיט מירי | כ"ץ תחי' | בארא פארק |
| **פיראסקא גרונצווייג**<br>שוועסטער מיט יכט און הינדא | חנה הענטשא גרונצווייג | ירושלים |
| **אילאנע דייטש** | שטראלי | בארא פארק |
| **פריידא געווירץ** | האפמאן | בני ברק |
| **מרים ניישלאס** | ווינטערניץ | וויליאמסבורג |
| **אסתר קראקאוער**<br>שוועסטער מיט להבחל"ח מרים | עפשטיין תחי' | וויליאמסבורג |

Thanks **Eva Kahn** for providing us a list with most of the information, and for **Mrs. Sofer**, UJO Holocaust Survivors Caseworker, for filling in details.



Photo Credit: Golub Family

די ליסטע פון די מיידלעך, געשריבן אויף די אַנדערע זייט פונעם בילד, וואָס זיי האָבן אונטערגעשריבן אַלס דאַנקבאַרשאַפט פאַר 'גאָב גאָב'

# גאָר הערליכער לאָנטשען אָפּגעהאַלטן בעפאָר פורים פאַר קריג איבערלעבער און פרויען פון 65 יאָר און עלטער

### נאָנט צו 500 באַטייליגט: באַלערנדע 'מוזעאום פאָרשטעלונג' פון די 'קליינמאַן האָלאָקאָוסט עדיוקעישאָן צענטער'; באַטייליגטע טרעפן היסטאָרישע בילדער און חפצים פון זייערע פאַמיליעס



לינקס צו רעכטס: אסעמבלימאן לענטאל, ר' משה דוד ניעדערמאן, און ר' דוד ריידעל פונעם קליינמאן צענטער, באטראכטן דעם ספעציעלן מוזעאום אויסשטעל ביים לאנטשען

וויליאַמסבורג - אַלס טייל פון די פראָגראַמען פאַר קריג איבערלעבער און פאַר עלטערע מענטשן, האַלט די י.דזשעי.אָ. אָפּ יערליכע צוזאַמענקונפטן פאַר פרויען מיט אַ גאָר רייכער פראָגראַם וואו די באַטייליגטע פאַרברענגען אין אַ לעבעדיגע אַטמאָספערע, טרעפן זיך מיט אַלטע פריינט און עס לאָזט איבער גוט-מוטיגע געפילן פאַר אַ לאַנגע צייט. די היי-יעריגע מסיבה איז פאָרגעקומען סוף חודש אדר א'. עס האָבן זיך דערין באַטייליגט אַרום 500 מענטשן, וועלכע האָבן גענאָסן פון אַ נאָרהאַפטיגן מאָלצייט און לעבהאַפטיגן פראָגראַם.

אַלס טייל פונעם פראָגראַם איז געווען אַ גאָר אינטערעסאַנטע אויסשטעלונג פון די 'קליינמאַן האָלאָקאָוסט עדיוקעישאָן צענטער' אין באָראָ פּאַרק, ספּעציעל קאָנצענטרירט אויף די געגנטן פון וואו דער ציבור קומט. איבערלעבער און משפחה מיטגלידער זענען געווען זייער איבערגענומען צו טרעפן בילדער און אַרטיקלען פון זייערע גאָר נאָנטע קרובים, געשוויסטער און אפילו זיך אַליין. איין משפחה האָט געפינען אַ קעסטל מיט וואָס זייערע עלטערן האָבן אַריבערגעברענגט זייער ביסל האָב און גוטס ביים אימיגרירן קיין אַמעריקע.

ס'איז אויך פאָרגעשטעלט געוואָרן אַ סלייד פּרעזענטאַציע פון גאָר היסטאָרישע בילדער, באַגלייט מיט אַ מוזיקאַלישע פאָרשטעלונג, פון דאָס לעבן אין אונגאַרן בעפאָר די קריג, און די בראשית יאָרן אין וויליאַמסבורג, וואָס האָט אויך צוריקגעפירט צו גאָר וואַרימע זכרונות.

די באַטייליגטע האָבן אויך געהערט אַ פאָרטראַג פון די 'קלעימס קאָנפערענץ' איבער די הילף פראָגראַמען וואָס זענען פאַראַן פאַר קריג איבערלעבער. ווי אויך האָבן זיי באַקומען אינפאָרמאַציע איבער סיניאָר סערוויסעס וואָס די י.דזשעי.אָ. שטעלט צו, ווי הילף מיט זיך איינשרייבן אין די ריכטיגע מעדיקעיר, מעדיקעיד, דראָג פלענער, עיטש.עם.אָ.ס, א.ד.ג.; פינאַנציעלע הילף; הילף זיך איינצושרייבן אין די קריג קאָמפּענסאַציע פאָנדן; טראַנספּאָרטאַציע הילף; נאָרהאַפטיגע מאָלצייטן וואָס ווערן אָפּגעשיקט אַהיים

פארזעצונג אויף זייט 24

# קאָנגרעספרוי וואַלאַזקועז האַלט רעדע אין קאָנגרעס אין ערע פון וויליאַמסבורגער קריג איבערלעבער און אַ יובל פון סערוויסעס דורך יו.דזשעי.אָ.

## רעדע גייט אַריין אין די אָפיציעלע קאָנגרעסיאָנאַלער רעקאָרד



E266 CONGRESSIONAL RECORD — *Extensions of Remarks* March 2, 2016

TRIBUTE TO NEW YORK'S 7TH CONGRESSIONAL DISTRICT HOLOCAUST SURVIVORS

**HON. NYDIA M. VELÁZQUEZ**

OF NEW YORK

IN THE HOUSE OF REPRESENTATIVES

*Wednesday, March 2, 2016*

Ms. VELÁZQUEZ. Mr. Speaker, I rise today to pay tribute to a special group of my neighbors who are an incredible part of the Williamsburg, Brooklyn community—Holocaust survivors. I am privileged to represent approximately one thousand Holocaust survivors in New York's 7th Congressional District.

These individuals arrived from across Eastern Europe fleeing unspeakable horrors. Many of them had lost their mothers, fathers, brothers and sisters during one of the darkest periods in our history. They survived concentration camps and came to the U.S. as refugees looking to launch a fresh start, rebuild anew and escape the horrific crimes they had suffered in their pasts.

From a small group of survivors that arrived after World War II in Williamsburg, this community has grown and flourished by tens of thousands. From meager beginnings, they rebuilt their families, religion and traditions, and established a wonderful part of our City that, to this day, contributes to New York's diverse cultural mosaic. Their accomplishments are a testament to the perseverance and persistence of the Holocaust survivors.

In 1966, Holocaust survivors created the United Jewish Organizations (UJO) of Williamsburg which is celebrating its 50th year of service to the community. The UJO was conceived as a vehicle to help the Yiddish-Speaking population adapt to life in the United States, participate in the civic sphere and ensure access to public benefits.

Throughout their jubilee of activity the UJO has put the needs of Holocaust survivors at the forefront. They work closely with the Claims Conference and the NYC Department for the Aging to help survivors age gracefully and independently with a wide array of social services and in-home care. They have truly evolved into a community anchor for all of Brooklyn and New York. I salute their many achievements.

Mr. Speaker, I urge my colleagues to join me in acknowledging all that our nation's Holocaust Survivors have not only endured, but also accomplished. We must never forget the horrors they underwent, but, likewise, we must also honor the achievements they secured in the face of enormous adversity. Their spirit and strength are a credit to the Williamsburg community, to our City and, indeed, to our entire nation.

**בילד: קאַפּי פון די רעדע קאָנגרעסיאָנאַלער רעקאָרד, וואו עס ווערט אָפיציעל אַרכיווירט די רעדעס אין קאָנגרעס.**

פאַריגן מאָנאַט האָט קאָנגרעס-פרוי נידיע וואַלאַזקועז, וועלכע פאַרטרעט דעם 7'טען קאָנגרעסיענאַלן דיסטריקט וואָס נעמט אַריין די חרד'ישע וויליאַמסבורג, געהאַלטן אַ רעדע אין קאָנגרעס צו באַערן און אויסלעבן די לייסטונגען פון די קריג איבערלעבער אין וויליאַמסבורג - וועלכע האָבן נאָכ'ן חורבן דאָ צוריק אויפגעבויעט דעם אידישן לעבן און אַ געוואַלד ביישטייערט צו די געגנט און לאַנד - און האָבן אויך אויפגעשטעלט די יו.דזשעי.אָ. וועלכע צייכנט היי-יאָר אָפּ פופציג יאָר, אַ יובל, פון איר עקזיסטענץ.

פאָלגענד איז אַן איבערטייטשונג פון איר רעדע, איז אָפיציעל אַריין אין דער קאָנגרעסיענאַלער רעקאָרד:

***אין די הויז פון רעפּרעזענטאַטיוון***

***מיטוואָך, מערץ 2, 2016***

*מס. וואַלאַזקועז: מר. ספּיקער, איך שטעל מיך אויף היינט צו אויסדרוקן מיין ערע פאַר אַ ספּעציעלע גרופּע פון מיינע שכנים וועלכע זענען אַ געוואַלדיגער טייל פון די וויליאַמסבורגער, ברוקלינער געמיינדע - קריג איבערלעבער. עס איז מיר אַ פּריוויליגיע צו פאַרטרעטן בערך טויזנט קריג איבערלעבער אין ניו יאָרק'ס זיבעטער קאָנגרעסיענאַלער דיסטריקט.*

*די מענטשן זענען אָנגעקומען פון לענגאויס מזרח איראָפּע, אַנטלויפנדיג אום-אַרויסרעדנדע שוידערליכקייטן. אַסאַך פון זיי האָבן פאַרלוירן זייערע מאַמעס, טאַטעס, ברידער און שוועסטער, דורכאויס איינע פון די פינסטערסטע תקופות אין אונזער היסטאָריע. זיי האָבן איבערגעלעבט די קאָנצענטראַציע לאַגערן און זענען געקומען צו די פאַראייניגטע שטאַטן אַלס פּליטים וועלנדיג אָנהייבן אַ נייעם אָנהייב, זיך צוריק אויפבויען פונדאָסניי און זיך ראַטעווען פון די שוידערליכע פאַרברעכנס וואָס זיי האָבן געליטן אינעם עבר.*

*פון אַ קליינע גרופּע פון איבערלעבער וואָס זענען אָנגעקומען נאָך די צווייטע וועלט קריג אין וויליאַמסבורג, איז די געמיינדע געוואַקסן און געבליעט מיט צענדליגער טויזנטער. פון אַ קליינעם אָנהייב, האָבן זיי איבערגעבויעט זייערע משפחות, רעליגיע און טראַדיציעס, און האָבן אַוועקגעשטעלט אַ וואונדערבאַרן טייל פון אונזער שטאָט וואָס, ביז'ן*

פארזעצונג אויף זייט 24

# גאָר הערליכער לאָנטשען אָפּגעהאַלטן פאַר קריג איבערלעבער

פארזעצונג פון זייט 22

טעגליך; ווי אויך האָום קעיר און האַוז קיעפּינג סערוויסעס, און נאָך.

די לאָנטשען איז אויך באַערט געוואָרן מיט די באַטייליגונג פון די קאָנגרעס-פרוי נידיע וואַלאַזקועז, וועלכע האָט איבערראַשט די באַטייליגטע מיט פּרעזענטירן אַן אָפיציעלע 'קאָנגרעסיענאַלע רעקאָרד' אויסלויבנדיג די קריג איבערלעבער וועלכע האָבן אויפגעשטעלט די חרדי'שע קאָמיוניטי אין איר דיסטריקט אין וויליאַמסבורג, און אויסלויבנדיג די פופציג יאָר וואוילטעטיגע אַקטיוויטעטן פון די יו.דזשעי.אָ.

אויך האָט מען געהאַט די ערע פון די באַטייליגונג פון אַסעמבלימאַן דזשאָו לענטאָל, וועלכער איז געווען קענטליך גערירט פון די פּאָרשטעלונגען, און האָט אויסגעדרוקט זיין שעצונג פאַר די קריג איבערלעבער וועלכע האָבן אַוועקגעשטעלט דאָס אידיש לעבן אין די געגנט.

די באַטייליגטע זענען זיך צוגאַנגען גאָר שטאַרק אינספּירירט און דערפרישט פון דעם תוכנ'דיגען פּראָגראַם.

"איך וויל אויסדרוקן מיין טיפן דאַנק פאַר די ניו יאָרק סיטי קאָונסיל, ספּיקער מעליסאַ מאַרק וויווועריטאָ, קאָונסילמאַן ראַפאַעל עספּינאַל וועלכער האָט פאָרגעשלאָגן די האָלאָקאָוסט איניציאַטיוו וואָס האָט געדעקט אַ גרויסן טייל פון די תוכנ'דיגע לאָנטשען, אינאיינעם מיט ניו יאָרק סיטי קאָונסיל אידישע קאָקוס און אונזער געטרייער קאָונסילמאַן סטיוו לעווין," האָט געזאָגט ר' משה דוד ניעדערמאַן.

"אַ ספּעציעלן דאַנק פאַר די קלעימס קאָנפערענץ פאַר די אַלע הילף וואָס זיי שטעלן צו פאַר וויליאַמסבורגער קריג איבערלעבער און פאַר ערמעגליכן די מסיבה, און פאַר די ניו יאָרק סיטי דעפּאַרטמענט אָוו עידזשינג פאַר דעקן טייל פון די מסיבה און פאַר אונז ערמעגליכן צו צושטעלן די פילצאָליגע סערוויסעס פאַר סיניאָרס אין די געגנט. איך וויל אויך אויסדרוקן מיין דאַנקבאַרשאַפט פאַר קאָנגרעס-פרוי וואַלאַזקועז פאַר איר אַרויסהייבן די קריג איבערלעבער און די יו.דזשעי.אָ. אין קאָנגרעס, און פאַר זיך באַטייליגן ביי די לאָנטשען, און פאַר אונזער געטרייען אַסעמבלימאַן דזשאָו לענטאָל פאַר זיין שטענדיגע שטיצע און זיך באַטייליגן ביי די לאָנטשען," האָט ר' משה דוד געענדיגט.

## רעדע אין קאָנגרעס אין ערע פון וויליאַמסבורגער קריג איבערלעבער

פארזעצונג פון זייט 23

*היינטיגן טאָג, ביישטייערט צו ניו יאָרק'ס פאַרשידנאַרטיגער קולטורישע געוועב. זייערע דערגרייכונגען זענען אַן עדות צו שטאַנדהאַפטיקייט און דויערהאַפטיקייט פון די קריג איבערלעבער.*

*אין 1966, האָבן קריג איבערלעבער אויפגעשטעלט די יונייטעד דזשואיש אָרגאַניזעישאָנס (UJO) פון וויליאַמסבורג, וועלכע פייערט זייער 50'סטער יאָר פון סערוויס צו די קאָמיוניטי. די יו.דזשעי.אָ. איז פאָראויסגעזען געוואָרן אַלס אַפּאַראַט צו העלפן די אידיש-רעדנדע באַפעלקערונג צו קענען זיך צופּאַסן צו לעבן אין די פאַראייניגטע שטאַטן, זיך באַטייליגן אין די געזעלשאַפטליכע ספערע און פאַרזיכערן צוטריט צו עפנטליכע בענעפיטן.*

*דורכאויס זייער יובל פון אַקטיוויטעטן, האָט די יו.דזשעי.אָ. געשטעלט די געברויכן פון די קריג איבערלעבער אין די פאָדערשטע רייע. זיי אַרבעטן זייער נאָענט מיט די קלעימס קאָנפערענץ און די ניו יאָרק סיטי דעפּאַרטמענט פון די עידזשינג צו העלפן איבערלעבער זיך עלטערן בכבוד און זעלבסטשטענדיג, מיט אַ ברייטער אויסוואַל פון סאָשעל סערוויסעס און באַדינונגען אינדערהיים. זיי זענען עכט אויסגעשטיגן אַלס אַ קאָמיוניטי וועג-ווייזער פאַר גאַנץ ברוקלין און ניו יאָרק. איך סאַלוטיר זייערע פילע דערגרייכונגען.*

*מר. ספּיקער, איך מוטיג מיינע קאָלעגעס זיך אָנצושליסן אין מיר אין אַנערקענען אַז אַלע זייערע לאַנד'ס קריג איבערלעבער האָבן נישט בלויז מיטגעמאַכט, אָבער האָבן אויך דערגרייכט. מיר טאָרן קיינמאָל נישט פאַרגעסן די שוידערליכע צרות וואָס זיי זענען דורכגעגאַנגען, אָבער, פונקט אַזוי, מוזן מיר אויך באַערן די דערגרייכונגען וואָס זיי האָבן פאַרזיכערט אויסשטייענדיג געוואַלדיגע שנאה. זייער גייסט און שטאַרקקייט איז אַ קרעדיט פאַר די וויליאַמסבורגער געמיינדע, צו אונזער סיטי, און פאַקטיש, צו דאָס גאַנצע לאַנד.*

# ווען, ווי אַזוי לוינט זיך צו נעמען סאָשעל סעקיוריטי?

דאָס קען זיין זייער אַ קאָמפּליצירטער באַשלוס - מ'קען אַמאָל פאַרלירן מער וויפיל מ'פאַרדינט

די יו.דזשעי.אָ. סיניאָר סטעף העלפט מאַכן דעם בעסטן באַשלוס

אַז מ'גיט געלט, נעמט מען - איז דאָ אַן אַלטער כלל, אָבער ווען עס קומט צו נעמען סאָשעל סעקיוריטי איז דאָס אַסאַך מאָל נישט ריכטיג.

ס'קען זיך אויסשטעלן אַז מ'הייבט אָן צו נעמען סאָשעל סעקיוריטי און מ'פאַרלירט פיל מער געלט וויפיל מ'פאַרדינט.

מיר ווען נישט דאָ אַריינגיין אין די פילע קאָמפּליצירטע באַשליסן וואָס מ'דאַרף מאַכן בעפאָר אײַנגעבן פאַר רעטייערמענט - אַסאַך מאָל לוינט זיך אָפּצושטופּן ווען מ'רעטייערט כדי צו באַקומען אַ העכערן טשעק; עס קען זיך אַסאַך מאָל לוינען צו נעמען פון די 'ספּאַוס בענעפיטן' (בענעפיטן אויפ'ן חשבון וואָס דער מאַן/ווייב האָט געאַרבעט) אַנשטאָט די אייגענע בענעפיטן.

נאָך אַ חשבון דאַרף מען נעמען אין באַטראַכט, אַז ווען מ'הייבט אָן צו נעמען סאָשעל סעקיוריטי קען מען אָפּט מאָל פאַרלירן מעדיקעיד, וויבאַלד ס'וועט זיך אַרויסשטעלן אַז אינאײנעם מיט די געלט וואָס מ'פאַרדינט און די סאָשעל סעקיוריטי טשעק וועט דער חודש'ליכער געהאַלט שוין זיין פיל העכער ווי די מאַקסימום פאַרדינסטן צו זיין ערלויבט פאַר מעדיקעיד.

מעדיקעיד איז זייער וויכטיג צו דעקן סערוויסעס וואָס מעדיקעיר דעקט נישט, און זיי קענען זיין גאָר קאָסטבאַר (ווי למשל האָום-קעיר, לאָנג טוירם קעיר און נאָך). דאָס קען פאַראורזאַכן אַז די טשעק וואָס מ'באַקומט זאָל זיין יצא שכרו בהפסדו - מ'זאָל גאָר טייער אַרויפצאָלן דערויף.

דעריבער, בעפאָר מ'מאַכט אַ באַשלוס צו רעטייערן, זאָל מען זען עס איבערצורעדן מיט די וואָס פאַרשטייען דערצו ווען אָנצוהייבן נעמען סאָשעל סעקיוריטי און ווי אַזוי. די יו.דזשעי.אָ. סיניאָר סטעף איז העכסט געלערנט אין די טעמע, צו קענען העלפן מאַכן דעם ריכטיגן באַשלוס ווען און ווי אַזוי אָנצוהייבן נעמען סאָשעל סעקיוריטי. פאַר אַן אַפּוינטמענט, רופט 718.643.9700, עקסטענשאָנס 206, 209, 210 און 228.

# יו.דזשעי.אָ. שטעלט צו כמעט טויזנט פונט מצות
## און הונדערטער קעסטלעך גרעיפּ דזשוס פאַר הונדערטער קריג איבערלעבער לכבוד פסח

וויליאַמסבורג - די יו.דזשעי.אָ. האָט בעפאָר דעם יום טוב פסח אַרומגעשיקט נאָנט צו טויזנט פונט שמורה מצות און קעסטלעך גרעיפּ דזשוס פאַר הונדערטער קריג איבערלעבער אין וויליאַמסבורג, כדי צו העלפן אַריינברענגן דעם יום טוב פסח בהרחבה.

במשך דעם גאַנצן יאָר, העלפט אַרויס די יו.דזשעי.אָ. קריג איבערלעבער מיט אַ רייע פּראָגראַמען און הילף מיטלען - אַריינגערעכנט: מיעלס אָן ווהילס וואָס שטעלט צו טעגליך נאָרהאַפטיגע מאָלצייטן; אומזיסטע טראַנספּאָרטאַציע צו אַפּוינטמענטס; עמוירדזשענסי פינאַנציעלע הילף; אײַנגעבן פאַר די פאַרשידענע האָלאָקאָוסט פּראָגראַמען און נאָך. דאָס איז אין צוגאָב צו די הילף וואָס ווערט צוגעשטעלט פאַר אַלע סיניאָרס מיט זיך איינשרייבן און אויסוועלן די בעסטע מעדיקעיר פּלענער, אײַנגעבן פאַר סאָשעל סעקיוריטי, עס.עס.איי., פוד סטעמפּס און נאָך פילצאָליגע פּראָגראַמען.

היי-יאָר, לכבוד דעם יום טוב פסח, האָט די יו.דזשעי.אָ. ב"ה באַוויזן צו שאַפן הילף צו צושטעלן מצות און גרעיפּ דזשוס, וואָס זענען טייערע הוצאות, אויף יום טוב, כדי צו העלפן די סורווייווערס אַריינברענגן דעם יום מיט אַ לייכטן געמיט. אויסער וואָס מ'האָט דאָס צוגעשטעלט אומזיסט, איז עס אויך דעליווערד געוואָרן צו יעדן אַהיים, אַנשטאָט וואָס מ'זאָל דאַרפן טרעפן ווער עס זאָל אַראָפּגיין און וואַרטן אין בעקעריי וואָס איז פאַר פילע זייער אַ שווערע טירחא.

עס דאַרף באַטאָנט ווערן אַז די הילף האָט מען געשאַפן דורך די פאָנדינג פון די רעגירונג וועלכע איז באַשטימט צו העלפן קריג איבערלעבער, און דאָס איז נישט קיין קמחא דפסחא קאַסע. דאָס העלפט אַריינברענגן דעם יום טוב בדרך כבוד, אָן דאַרפן נהנה זיין פון נדבות און צדקה.

די הונדערטער וואָס האָבן גענאָסן פון די סערוויסעס האָבן אויסגעדרוקט שטאַרקע צופרידנהייט מיט די הילף.

די יו.דזשעי.אָ. באַדאַנקט די ניו יאָרק סיטי דעפּאַרטמענט אָוו עידזשינג, און די ניו יאָרק סיטי קאָונסיל אין שפּיץ פון ספּיקער וויווערי טאָ, קאָונסילמאַן עספּינאַל, אונזער געטרייער קאָונסילמאַן לעווין און די גאַנצע אידישע קאָקוס אין די קאָונסיל אָנגעפירט דורכ'ן טשעיר קאָונסילמאַן מאַרק לעווין, פאַר דורכפירן די האָלאָקאָוסט איניציאַטיוו וואָס האָט ערמעגליכט די הילף פאַר די וויליאַמסבורגער סורווייוואָרס פאַר'ן יום טוב פסח.

# מעדיקעיר איז נישט אומזיסט: עס קאָסט פרימיומס און נאָך

## פאַר שוואַכער פאַרדינער זענען פאַראַן פּראָגראַמען צו העלפן דעקן אָדער רעדוצירן די קאָסטן




מענטשן זענען זיך אָפט טועה אַז מעדיקעיר איז אַן אומזיסטער פּראָגראַם. דער פאַקט איז אַז מעדיקעיר קאָסט געלט דירעקט און אומדירעקט, אויסער אויב מ'האָט ספּעציעלע פּראָגראַמען צו דעקן די קאָסטן:

פאָלגענד איז אַ שנעלער איבערבליק וואָס מעדיקעיר קען קאָסטן.

**פּאַרט עי. (A) - דאָס צאָלט ווען מ'דאַרף זיין אין שפּיטאָל**

פרימיום: אויב ביידע - דער מאַן און ווייב האָבן געאַרבעט פאַר כאָטש צען יאָר און געצאָלט מעדיקעיר שטייערן - קאָסט עס נישט קיין פרימיום; אָבער אויב מ'האָט נישט געאַרבעט פאַר גאַנצע צען יאָר, קאָסט עס אַ חודש'ליכער פרימיום (פּענאַלטי), און עס קען קאָסטן ביז 411$ חודש'ליך.

דערנאָך קומט צו דעדאָקטיבעלס, און אויך קאָסטן וואָס מ'דאַרף צוצאָלן פאַר יעדן טאָג וואָס מ'איז אין שפּיטאָל נאָך צוויי חדשים, וואָס קען אַריינציען אין שווערע טויזנטער דאָלאַרן.

**פּאַרט בי. (B) - צאָלט פאַר דאָקטאָר וויזיטס, טעסטס און נאָך.**

פרימיום: קאָסט 121.80 $; אויב מ'פאַרדינט מער ווי 85,000 $ גייט עס אַרויף, געוואָנדן וויפיל מ'פאַרדינט, און עס קען גיין ביז איבער 389 $.

אויב מ'האָט זיך נישט איינגעשריבן אין מעדיקעיר גלייך ווען מ'איז געוואָרן 65 יאָר און מ'האָט נישט געהאַט קיין אינשורענס, גייט די פרימיום אַרויף.

דערנאָך קומט צו אַ דעדאָקטיבעל פון 166$ פער יאָר, און מ'דאַרף צאָלן אַ צוואָנציג פּראָצענט קאָ-פּעי פון די קאָסטן פאַר דאָקטוירים וויזיטס און נאָך.

**פּאַרט סי (C) - איז אַ מעדיקעיר אַדוועטעדזש פּלאַן, אַן HMO וואָס מ'קען נעמען אַנשטאָט פּאַרט עי. און בי.**

פארזעצונג אויף זייט 27

# זייט אויפמערקזאַם נישט זיך אַנצושליסן אין אַ מעדיקעיר אַדוועטעדזש פּלאַן (HMO) בעפאָר דורכשמועסן אַלע בענעפיטן און חסרונות דערפון

וויליאַמסבורג - עלטערע מענטשן ווערן אָפט צוגערעדט זיך אַריינשרייבן אין מעדיקעיר אַדוועטעדזש פּלענער וועלכע באַגרעניצן די מעדיקעיר בענעפיטן און וועלכע דאָקטוירים מ'וועט קענען נוצן, ווי אויך קען עס אין געוויסע פעלער שטערן צו קענען געניסן פון מעדיקעיד. ס'איז זייער וויכטיג אַז בעפאָר מען מאַכט אַזאַ באַשלוס זאָל מען עס גוט דורכרעדן מיט די וואָס פאַרשטייען אַלע מעלות און חסרונות פון די פּלענער, און וואָס מ'וועט פאַרלירן אויב מ'גייט אַראָפּ פון דירעקטע מעדיקעיר.

מעדיקעיר פּאַרט עי. און בי.,, וועלכע דעקן די קאָסטן פון דאָקטוירים און שפּיטעלער א.ד.ג. קען מען האָבן דורך דירעקט מעדיקעיר, אָדער דורך אַן עיטש.עם.אָ. וואָס האָט אַ נעטוואָרק און באַגרעניצט וועלכע דאָקטוירים און באַדינונגען מ'קען נוצן. איבער צוויי דריטל מעדיקעיר געניסער נעמען דירעקט מעדיקעיר, וויבאַלד מ'קען נישט וויסן וועלכע באַהאַנדלונגען מ'וועט דאַרפן אינמיטן יאָר, ווען מ'וועט נישט קענען טוישן דעם פּלאַן.

פאַר געוויסע מענטשן, קען אַ מעדיקעיר אַדוועטעדזש פּלאַן אויך שטערן פון די מעגליכקייט צו האָבן מעדיקעיד, וואָס איז וויכטיג צו דעקן די מעדיקעיר פרימיומס, דעדאָקטיבעלס און אַ רייע אַנדערע זאַכן וואָס מעדיקעיר דעקט נישט.

מענטשן באקומען צומאָל טעלעפאָן רופן, אָדער ווערן פערזענליך צוגערעדט דורך איינגעשטעלטע פון פּריוואַטע קאָמפּ9ניס וועלכע זענען אויסען זייער פירמע'ס אינטערעסן, און נישט אייערע אינטערעסן, זיך איינצושרייבן אין אַדוועטענדזש פּלענער. די יו.דזשעי.אָ. האָט שוין באַקומען קאָמפּלעינטס פון מענטשן וואָס האָבן זיך איינגעשריבן אין אַן אַדוועטעדזש פּלאַן, נישט וויסנדיג די קאָנסקווענצן, און זיי האָבן נאָכדעם נישט געקענט געניסן פון וויכטיגע סערוויסעס.

דעריבער מאַכט די יו.דזשעי.אָ. אויפמערקזאַם צו זיי זייער פּאָרזיכטיג בעפאָר מ'שרייבט זיך אַריין אין אַ מעדיקעיר אַדוועטעדזש פּלאַן. איר זאָלט גוט איבעררעדן מיט איינעם וואָס פאַרשטייט די בענעפיטן און חסרונות פון די אַלע פּלענער און האָט נישט קיין אינטערעסע אין אַ ספּעציפישן פּלאַן, כדי צו קענען געבן אַן אויפריכטיגע רעקאָמענדאַציע.

די יו.דזשעי.אָ. עקספּיריענסד סיניאָר סטעף איז העכסט געלערנט מיט די אַלע פּלענער און האָט נישט קיין שום אינטערעסע אין קיין שום ספּעציעלן פּלאַן. אונזער אינטערעסע איז בלויז אוישליסליך אַז איר זאָלט האָבן די בעסטע מעדיצינישע דעקונג. זיי וועלן דורכגיין מיט אייך אייערע מעדיצינישע געברויכן, פאַרדינסטן און אַנדערע אומשטענדן, און ווי אַזוי אויסקלויבן אַ פּלאַן וועט אויסווירקען אויף די אַנדערע אינשורענס פּראָגראַמען, כדי צו העלפן מאַכן דעם בעסטן באַשלוס איבער מעדיקעיר, מעדיקעיד, מעדיקעיר פּאַרט די. און אַלע אַנדערע אינשורענס פּלענער.

**צו באַשטימען אַ פּערזענליכע אַפּוינטמענט מיט די יו.דזשעי.אָ. סטעף איבערצוקוקן אייערע מעדיקעיר אָפּציעס, און וועלכע עס וועט זיך דאָס מערסטע לוינען פאַר אייך, רופט 718.643.9700, עקסטענשאָנס 206, 210 און 228.**

# נ.י. סטעיט בודזשעט שטעלט צו הילף פאַר קריג איבערלעבער צום ערשטן מאָל אויפ'ן אינציאַטיוו פון וויליאַמסבורגער אַסעמבלימאַן דזשאָו לענטאָל



אָלבאַני - דער נ.י. סטעיט בודזשעט, וואָס איז באַשטעטיגט געוואָרן אָנהייב חודש, ענטהאַלט צום ערשטן מאָל ספּעציעלע פאָנדן אַרויסצוהעלפן אַלע קריג איבערלעבער איבער ניו יאָרק סטעיט מיט געזונטהייט סערוויסעס. די הילף איז צושטאַנד געקומען אַדאַנק דעם אינציאַטיוו פון אַסעמבלימאַן דזשאָו לענטאָל, דער געטרייער לאַנגיעריגער וויליאַמסבורגער אַסמעבלימאַן.

אַסעמבלימאַן לענטאָל האָט פאָרגעשלאָגן אין אַסעמבלי אַז דער היי-יעריגער בודזשעט זאָל אַריינשליסן הילף פאַר קריג איבערלעבער, כדי זיי צו העלפן מיט נויטיגע געזונטהייט סערוויסעס. אין סענאַט איז דער פאָרשלאַג געשטופּט געוואָרן דורך סטעיט סענאַטאָר דזשאָו ראָובאַך. די יו.דזשעי.עי. האָט שווער געאַרבעט אָנצושליסן די שטיצע פון אַנדערע לעגיסלאַטורן און צושטאַנד צו ברענגען דעם אינציאַטיוו.

נאָך שווער אַרבעטן, האָט דער אַסעמבלימאַן, פון די העכסט-ראַנגיגע מיטגלידער אין די סטעיט אַסעמבלי, עס ב"ה באַוויזן דורכצופירן, און די היי-יעריגע סטעיט בודזשעט האָט צום ערשטן מאָל ענטהאַלטן געלט פאַר קריג איבערלעבער מיט ספּעציעלע געזונטהייט אָדער גייסטישע געזונטהייט שוועריקייטן.

בעת די סומע איז טאַקע ווייט פון גענוג, נעמנדיג אין באַטראַכטן די פילע טויזנטער איבערלעבער וואָס זאָלן לעבן און זיין געזונט אין ניו יאָרק סטעיט, העלפט עס אָבער קאָמפּלימענטירן אַנדערע רעגירונג פאָנדינג פאַר די קריג איבערלעבער וואָס זענען אין די לעצטע יאָרן דורכגעפירט געוואָרן.

צווישן די אַנדערע הילף וואָס זענען צושטאַנד געקומען אין די לעצטע יאָרן איז געווען וואָס די נ.י. סיטי קאָונסיל האָט דורכגעפירט - אויפ'ן אינציאַטיוו פון קאָונסילמאַן ראַפאַעל עספּינאַל פון ברוקלין, אַ געטרייער פריינט פאַר וויליאַמסבורג און פאַר אידישע אינטערעסן, מיט די הילף פון וויליאַמסבורג'ס געטרייער קאָונסילמאַן סטיוו לעווין, די גאַנצע אידישע קאָקוס און איר טשעיר מאַרק לעווין, און די שטאַרקע שטיצע פון ספּיקער וויוועריטאָ. די סיטי קאָונסיל הילף העלפט ב"ה שטאַרק אַרויס צוצושטעלן וויכטיגע סערוויסעס פאַר וויליאַמסבורגער קריג איבערלעבער.

מיט נ.י. סטעיט'ס אויך צושטעלן פאָנדינג פאַר האָלאָקאָוסט סורווייוואָרס, אַנערקענען איצט אַלע רעגירונג שטאַפּלען אַז עס קומט זיך די קריג איבערלעבער ספּעציעלע הילף אויף די עלטערע יאָרן.

"וויליאַמסבורג האָט די צווייט-העכסטע צאָל קריג איבערלעבער, און עס איז אונז, די יו.דזשעי.אָ., אַ כבוד זיי צו באַדינען. מיר ווייסן און זעען טאָג-טעגליך ווי וויכטיג ס'איז צו קענען צושטעלן נאָך הילף. איך דרוק אויס אַ טיפן דאַנק פאַר אַסעמבלימאַן לענטאָל פאַר טשאַמפּיאָנירן סטעיט הילף פאַר קריג איבערלעבער, און מיר קוקן אַרויס פאַר ווייטערע צוזאַמענאַרבעט מיט אים צו האָבן די זכיה צו ברענגען מער הילף פאַר די סורווייוואָרס לאורך ימים ושנים טובים," האָט געזאָגט הרה"ח ר' משה דוד ניעדערמאַן הי"ו, יו.דזשעי.אָ. פּרעזידענט.

פארזעצונג פון זייט 26

די קאָסטן דערפון זענען געוואָנדן אין יעדע ספּעציפישער פּלאַן.

**פאַרט די. (D) - די פּרעסקריפּשאָן דראָג פּלאַן, וואָס דעקט די מעדיצין קאָסטן.**

מ'מוז זיך איינשרייבן אין אַן עיטש.עם.אָ פאַר פאַרט די., און די קאָסטן דערפון ווענדט זיך אין וועלכע פּלאַן מ'שרייבט זיך איין.

*

הילף צו דעקן די קאָסטן. נידריגע

פאַרדינער קענען האָבן מעדיקעיד, צו דעקן די קאָסטן.

פאַר די וואָס פאַרדינען אַביסל מער ווי די מאַקסימום סומע צו קענען קוואַליפיצירן פאַר מעדיקעיד, איז דאָ אַ רייע מיטלען צו קענען קוואַליפיצירן דערפאַר, דורך קויפן אַ סעקאָנדערי אינשורענס, ספּענד-דאַונס און נאָך.

די יו.דזשעי.אָ. סיניאָר סטעף איז

העכסט באַהאַוועט צו העלפן סיניאָרס

קוואַליפיצירן און איינגעבן פאַר מעדיקעיד

און פּראָגראַמען צו רעדוצירן די מעדיקעיר

קאָסטן.

פאַר אַן אַפּוינטמענט, רופט 718.643.9700, עקסטענשאָנס 206, 210 און 228.

דער אָפיס
וואָס שטייט
אייך גרייט צו
באַדינען פאַר
**אַ יובל**
**(50) יאָר!**

אין די יו.דזשעי.אָ. אָפיסעס קענט איר
**אַפּלייען** און **רעסערטיפייען** פאַר **אַלע**
**רעגירונג הילף פראָגראַמען** און נאָך,
אָן זיך דאַרפן שלעפן אין שטאָטישע
אָפיסעס.

Monday to Thursday
**9:00 AM** to **5:00** PM
(Last appointment starts at 4:00 PM)

Friday
**9:00 AM** to **12:00** PM

**32 Penn Street**
Between Wythe Ave. & Kent Ave.

**718.643.9700**
*Fax:* 718.819.1817

**UNITED JEWISH ORGANIZATIONS**
of **Williasmburg** and **North Brooklyn**

אונזער סטעף וועט אייך אי"ה באַדינען מיט די פולסטע מאָס
**געטריישאַפט** און **ערפאַרונג!**


**UNITED JEWISH ORGANIZATIONS**
of **Williasmburg** and **North Brooklyn**
32 Penn Street
Brooklyn, NY 11249